היינט 16 זייטען

פרייז 30 גר.

NAJER FOLKSBLAT

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

נייער פאלקסבלאט

№ 237	לאָדז, פרייטאג, כ״ה תשרי תרצ״א	אכטער יאהרגאנג	Łódź, Piątek, 17 października 1930 r.	№ 237

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

נאציאנאל־ווירטשאפטליכער בלאק צובראכען

פאלקיסטען ארויסגעטרעטען פון בלאק און שטעלען אייגענע ליסטעס אין לאדז און ווארשא מיט נח פרילוצקי בראש — די „אגודה״ געבליבען אליין — די ווירטשאפטליכע גרופען בלייבען „נייטראל״

וואַרשאַ, 16 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). ס׳איז שוין זיכער, אַז די פאָלקיסטען וועלען אַרויסשטעלען אייגענע ליסטעס אין וואַרשאַ און לאָדז מיט נח פּרילוצקי בראש.

היינט אַ גאַנצען טאָג זענען פאָרגעקומען די בעראַטונגען פון נאַציאָנאַל־ווירטשאַפטליכען בלאָק ס׳האָט זיך געהאַנדעלט קודם־כל וועגען דעם ערשטען אָרט אויף דער ליסטע אין וואַרשאַ און לאָדז, די פאָלקיסטען האָבען געטענה׳ט, אַז הרב לעווין, וועלכער די „אַגודה״ האָט געוואָלט שטעלען אויפ׳ן ערשטען אָרט, איז נישט פּאָפּולער און קיינער קען איהם נישט, דאַקעגען פּרילוצקי איז לויט זייער מיינונג זעהר פּאָפּולער ביי די מאַסען. די ווירטשאַפטליכע גרופּען (האַנדווערקער און קליינה[ענדל]ער) האָבען אונטערגעשטיצט דעם שטאַנדפּונקט פון די פאָלקיסטען. צו קיין הסכם איז נישט געקומען און לסוף האָבען די פאָלקיסטען אָפּגעגעבען אַ שריפטליכע ערקלערונג, אַז זיי טרעטען אַרויס פון בלאָק.

פון פאָלקיסטישע קרייזען פערזיכערט מען, אַז היינט טראָגען זיי אַריין אין די וואַהל־קאָמיסיעס אייגענע ליסטעס אין לאָדז און וואַרשאַ מיט נח פּרילוצקי אויפ׳ן ערשטען אָרט.

נאָך דער ערקלערונג פון די פאָלקיסטען האָט די „אַגודה״־פאָרשטעהער אָפּגעהאַלטען אַ בעראַטונג און בעשלאָסען אַריינצוטראָגען די ליסטעס פון בלאָק מיט הרב לעווין אויפ׳ן ערשטען אָרט.

נאָך דער ערקלערונג פון די פאָלקיסטען האָבען ווירטשאַפטליכע גרופּען וועגען דעם, וואָס מ׳דאַרף טון. דאָרט איז אָנערקענט געוואָרען דער שטאַנדפּונקט פון די פאָלקיסטען פאַר אַ גערעכטען, בעזונדערס האָט מען נישט געקענט [...]ים זיין, אַז די ווירטשאַפטליכע גרופּען זאָלען רעפּרעזענטירט ווערען דורך אַ רב.

ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען נישט צו אַגיטירען פאַר קיין שום ליסטע.

קיין צוויי ציוניסטישע ליסטעס וועלען נישט זיין

די ווארשאווער ציוניסטען שטעלען נישט קיין בעזונדערע ליסטעס אין מזרח־גאליציען

וואַרשאַ, 16 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). שפּעט אין אָוונד איז קיין וואַרשאַ אָנגעקומען דער בעריכט פון דער זיצונג פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע ביי דער לעמבערגער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. ס׳זענען פעסטגעשטעלט געוואָרען די קאַנדידאַטוּרען פון די בעזונדערע קרייזען און צום סוף האָט ד״ר אינזלער ערקלערט אין נאָמען פון דער אָפּאָזיציע, אַז די לעצטע וועט קיין בעזונדערע ליסטע אין מזרח־גאַליציען נישט אַרויסשטעלען, אַזוי פאַלט אויך שוין אָפּ די השערה וועגען ליסטעס פון די גאַליציאַנער ציוניסטען אין קאָנגרעס־פּוילען

דרייפאכער מארד און זעלבסטמארד

געקינדיגטער אנגעשטעלטער דערשיסט דעם קאמיסאר אינספעקטאר און א בעאמטען פון דער טשענסטאכאווער קראנקען־קאסע, פערוואונדעט נאך 3 מענשען און דערשיסט זיך אויף טויט

טשענסטאָכאָוו, 16 (טעלעפאָניש). די גאַנצע שטאָט איז היינט אויפגערודערט געוואָרען דורך דער ידיעה, אַז דער בעקאַנטער מיטגליד פון דער פּ.פּ.ס.־ישער מיליץ קאָסטזשעווסקי האָט ערמאָרדעט דעם קאָמיסאַר פון דער קראַנקען־קאַסע ראַיעווסקי, דעם אינספּעקטאָר פון דער קאַסע — פורמאַנטשיק, דעם נ.פּ.ר.־ישען טוער מאַלדאַ, שווער פערוואונדעט דעם דאָקטאָר בילוכאַווסקי, לייכט פערוואונדעט 2 בעאַמטע פון דער קראַנקען־קאַסע זאַוואַדזקי און פוקשעוויטש און דערנאָך אַליין בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

לויט די ערשטע טעלעפאָנישע ידיעות שטעלט זיך דער אויסערגעוועהנליך טראַגישער פאַל פאָר אויף פאָלגענדען אופן: האַלב 10 אַ זייגער אינדערפריה האָבען זיך אין קאַבינעט פון קאָמיסאַר פון דער קראַנקען־קאַסע, ראַיעווסקי געפינען: דער קאָמיסאַר אַליין, דער אינספּעקטאָר פון דער קאַסע פורמאַנטשיק (ערשטער קאַנדידאַט פון ב.ב. צום סיים אין טשענסטאָכאָוו) און דער דאָקטאָר פון דער קראַנקען־קאַסע בילוכאַווסקי. אין אַ געוויסען מאָמענט איז אַריינגעקומען אין קאַבינעט דער דערמאָהנטער קאָסטזשעווסקי און נישט רעדענדיג קיין איין וואָרט האָט ער צוערשט אויסגעשאָסען אויפ׳ן קאָמיסאַר ראַיעווסקי און איהם אַוועקגעלעגט אַ טויטען אויפ׳ן אָרט, דאַן האָט ער אויסגעשאָסען אויפ׳ן אינספּעקטאָר פורמאַנטשיק און איהם אויך מיט 2 רעוואָלווער שאָסען דער׳הרג׳עט, דאַן האָט דער וואַהנזיניגער קאָסטזשעווסקי געשאָסען אויפ׳ן ד״ר בילוכאַווסקי און איהם שווער פערוואונדעט, אויפ׳ן אָפּקלאַנג פון די רעוואָלווער־שאָסען איז אין קאַבינעט אַריינגעלאָפען איינער פון די אָנפיהרער פון דער נ.פּ.ר. מאַלדאַ, וועלכער האָט געוואַרט אין וואַרטע־זאַל אויף דעם קאָמיסאַר. קאָסטזשעווסקי האָט אויך געשאָסען אויף דעם אַריינקומענדען מאַלדאַ און איהם אויך אַוועקגעלעגט אַ טויטען אויפ׳ן אָרט.

צוליב דער געדיכטער שיסעריי זענען דאַן אַריינגעלאָפען אין קאַבינעט די 2 בעאַמטע פון קראַנקען־קאַסע זאַוואַדזקי און פוקשעוויטש, קאָסטזשעווסקי איז שוין דאַן געווען אין קאָרידאָר און ווייטער געשאָסען אויף די אָנלויפענדע בעאַמטע און זיי ביידע לייכט פערוואונדעט, ווען קאָסטזשעווסקי האָט דערזעהען, אַז פון אַלע זייטען לויפען זיך צונויף מענשען האָט ער זיך אַריינגעשאָסען אין מויל אַריין און מיט דער לעצטער קויל, וואָס ער האָט געהאַט אין רעוואָלווער האָט זיך דער וואַהנזיניגער פערברעכער דערשאָסען אויפ׳ן אָרט.

פון די 7 שאָסען, וואָס קאָסטזשעווסקי האָט אָפּגעגעבען האָט ער 4 מענשען דער׳הרג׳עט, איינעם שווער פערוואונדעט און 2 לייכט פערוואונדעט.

די סיבה פון דער שרעקליכער טאַט איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט. קאָסטזשעווסקי איז מיט 3 טעג צוריק געקענדיגט געוואָרען פון פּאָסטען אין דער קראַנקען־קאַסע.

מארד און זעלבסטמארד צוליב פאליטישע איבערציגונגען

סאסנאוויצער פּ.פּ.ס.־ישער וויצע־פרעזידענט דערשיסט זיין פרוי און זיך אליין צוליב דעם, וואס זיין פרוי איז איבערגעגאנגען צו די „פראקעס״

סאָסנאָוויץ, 16 (טעלעפאָניש) היינט נאָכמיטאָג איז דאָ פאָרגעקומען אַ מאָרד, וועלכער האָט צוליב דער פערזאָן פון מערדער און די אומשטענדען, ביי וועלכע דער מאָרד איז פאָרגעקומען, געמאַכט אין שטאָט אַ געוואַלדיגען רושם. דער וויצע־פּרעזידענט פון שטאָט דער פּ.פּ.ס.־אָוויעץ קאַזשימיעזש יאַרוש האָט מיט אַ רעוואָלווער דערשאָסען זיין פרוי און דאַן בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

די סיבה פון מאָרד און זעלבסטמאָרד זאָל זיין דאָס, וואָס ביי דער לעצטער שפּאַלטונג אין דער פּ.פּ.ס.־ישער אָרגאַניזאַציע אין סאָסנאָוויץ איז די פרוי פון וויצע־פּרעזידענט יאַרוש איבערגעגאַנגען צו די „פראַקעס״.

דער וויצע־פּרעזידענט איז געשטאָרבען פון די וואונדען, זיין פרוי גוסס׳ט אין שפּיטאָל.

גרויסע ארעסטען פון אינדישע נאציאנאליסטען

150 אנטיילנעהמער פון קאנגרעס ארעסטירט

באָמביי, 16 (ספּ. טעל.) היינט פאַרטאָג האָט די מאַכט אַדורכגעפיהרט מאַסען אַרעסטען. ס׳זענען אַרעסטירט געוואָרען הונדערט פופציג בעריי־טענדע מיטגלידער פון דער אינדישער נאַציאָנאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, אַ פּאָליציי־אָפּטיילונג האָט בעזעצט די הויפּטקוואַרטיר פון אינדישען קאָנגרעס און אַרעסטירט אַלע אָנוועזענדע. צווישען די אַרעסטירטע געפינען זיך אויך דער פּרעזעס פון דער נאַציאָנאַליסטישער אָרגאַניזאַציע נאַיינדאָס און דער רעדאַקטאָר סאַראַנאַט.

די מאַכט האָט פערעפענטליכט אַ ערקלערונג, אַז אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען געשאַפען געוואָרען דורכ׳ן אינדישען קאָנגרעס ווערען פונאַנדערגעלאָזט. אין באָמביי איז דערוויילע רוהיג.

בוענאָס־איירעס 16 (ספּ. טעל.) די רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך געמוזט צוליב דער איבערמאַכט פון דעם רעגירונגס־מיליטער צוריקציהען. זיי האָבען פערלאָזט די שטאָט בעלאַ האָריזאָנטע.

לויט די ידיעות פון סאַאָ־פּאַולאָ האָט געזאָלט ביי די שלאַכטען געהרגעט ווערען דער אָנפיהרער פון דער רעוואָלוציע גענעראַל מיזועט קאָסטאַ.

וועגען געפלאנטען אטענטאט אויפ׳ן מארשאל פילסודסקי

וואַרשאַ, 16 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). דורכ׳ן גאַנצען נעכטיגען טאָג און נאַכט האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער פאַר בעזונדער וויכטיגע ענינים סקאָשינסקי וועלכער פיהרט די אויספאָרשונג וועגען דעם אַטענטאַט אויפ׳ן מאַרשאַל פּילסודסקי, אויסגעהערט די אַרעסטירטע.

נעכטען זענען בעפרייט געוואָרען פון אַרעסט די פערהאַלטענע ראַטשינסקי און כראָשטשיצקי ס׳איז אויך בעפרייט געוואָרען דער סעקרעטאַר פון די פּראָ־פעסיאָנעלע פעראיינען אַנטאָני לאַזוקאָוויטש

1-טע לאדזער פאבריק פון — אוז — געבעטע שטיל פאטעלען

עמפפעהלט א גרויסען אויסוואהל פון די נייעסטע פאסאנען געבעטע שטיהל און פאטעלען דאמבאווע און פאלירטע צו עס- און שלאפצימערן צו קאנקורענץ-פרייזען.

קומט און איבערצייגט אייך! קומט און איבערצייגט אייך!

בעמערקונג: ס'ווערט אויך אנגענומען מעבעל אויף בעשטעלונג. .·. רעיעלע און פינקטליכע אויספיהרונג.

מיט אכטונג **ה. שווארץ, זאוואדזקא 50**

פאלקס-אוניווערזיטעט ביי דער גמז. — **„קולטור-ליגע"** אפט. לאדזש.

היינט, פרייטיק, ד. 17 אקטאבער 8 אוונט קומט פאר אין לאקאל פון „קולטור-ליגע" בושעוויטשנער 23,

א פארלעזונג

פון ה' ד. ב. מאלקין א. ד. ט.

„די וועלט-מלחמה אין שפיגל פון דער שיינער ליטעראטור"

(באַרביס, רעמאַרק, האשעק)

9059 בילעטען צו 75 גראשן צו בעקומען ביים אריינגאנג.

צו דער עפענטליכקייט!

שוין העכער א יאהר צייט, זייט ס'איז געשטארבען מיין זעליגער פאטער **ישראל מאנעלא** וועלכער האט געגרינדעט דאס בעקאנטע רעכטסקאנסולענטען ביורא אויף פיעטריקאווער 17 (זאכאדניא 52) צווייטער הויף, טעלעפאן 79-148.

א דאנק זיין ענערגיע און ערטיילען אומזיסטע אינפארמאציעס טויזענדער אונבעמיטעלטע מענשען האבען איהם געשאפען פאפולאריטעט און פערטרויען מצד דער יודישער בעפעלקערונג.

אויס רחמנות האט מיין זעליגער פאטער אריינגענומען אין ביורא זיינעם א יונגערען ברודער דוד, וועלכער איז געווען א צווייטראנגיגע געהילפסקראפט, אויך נאך מיין פאטערס טויט איז דערזעלבער געבליבען אין ביורא און אלע וויכטיגע ענינים זענען ערלעדיגט געווארען [illegible] אנגאזשירטע קוואליפיצירטע פאכמענער.

מיט איינמאל האט דערזעלבער דוד מאנעלא געהאט די העזה און געעפענט א ביורא אין דעם זעלבען הויז און מעלדען אין דער פרעסע, אז דאס ביורא איז איבערגעטראגען געווארען אויף ערשטען הויף, פיעטריקאווער 17.

איך ערקלער דעריבער דער עפענטליכקייט, אז דאס רעכטסקאנסולענטען-ביורא פון מיין זעליגען פאטער, וואס ווערט אנגעפיהרט פון די בעסטע קוואליפיצירטע פאכקענער געפינט זיך

אויף דעמזעלבען ארט, פיעטריקאווער 17, 2-טער הויף (זאכאדניא 52) **טעלעפ. 79-148**

איך בין איבערצייגט, אז די לאדזער בעפעלקערונג וועט ווייטער שענקען איהר צוטרוי אונזער ביורא און וועט זיך נישט לאזען פערפיהרען דורך א מענשען, וואס געהט מיט קרימע וועגען, אריינפיהרען אין טעות אונזערע קליענטען.

הערינג

בעדייטענד ביליגער געווארען!

צוליב דעם גוטען פאנג אין יארמוט זענען אלע מארטען הערינג ביליגער געווארען!

הענדלער, שטעהערס און קאנסומענטען!!!

לאזט אייך נישט בעאיינפלוסען פון אייערע ליפעראנטען, אז הערינג זענען טייער. קומט צו אונז וועט איהר זיך איבערצייגען אז הערינג זענען ביליג.

כדי זיך צו אריענטירען, פערעפענטליכען מיר אונזער פאלגענדען צעניק, וועלכער איז פאר אונז גילטיג פון 20 אקטאבער ביז'ן 28 אקטאבער ד. י.

ניי יארמוטער הערינג די בעסטע א גאנץ פעסל 147 זל. ½ פעסל 78 זל.

די בעסטע שאטישע הערינג א גאנץ פעסל 148 זל., ½ פעסל 79 זל!

די בעסטע מאטיעס (אוליקאס פאטשטאווע) ½ פעסל פון 100 זל. ביז 115 זל.

„HURTOŚLED" Sp. z o. o.

Łódź, Plac Kościelny 7, tel. 188-43

7-קלאסיגע שולע און פרעבלשולע **פון** די רענאמירטע ערציהונגס-אנשטאלט

קאצענעלזאן-נאחומאב

8 נאַד לודקא 8 (צווישען נאוואמיעסקא און וסכאדניא) טעלעפאן 177-01 (פון 11 ביז 2)

יגדער אין שול-צוואנג עלטער ד. ה. פון 7 ביז 15 יאהר ווערען א גענומען אין די קלאסען: A, B, C, I, II, III, IV

אי: פארבערייטונגס-קלאס A° ווערען אנגענומען ענטוויקעלטע קינדער פון 7-5½ יאהר. אין די פרעבל-שולע (שפיל-שולע) קינדער פון 3-7 י.

חוץ דעם אלגעמיינעם שול-פראגראם, קענען די ארטאדאקסישע קינדער געניסען פון **נאכמיטאג-חדר** וואו ס'ווירד געלערנט גרונדליך אלע למודי-קודש, דהיינו: **חומש, רש"י, נ"ך, גמרא, ותוספות** דורך מלמדים-ספעציאליסטען אונטער דער פערזענליכער השגחה און הנהלה פון בעוואוסטען למדן **ר' יעקב בנימין קאצענעלזאן**

בעמ.: די צאהל שעה'ען, ווי אויך מלמד ם מאר למודי-קודש זענען היי-יאהר בעדייטענד פערגרעסערט.

פאר פיזיש שוואכע קינדער, ווי אויך פאר אונבעמיטעלטע עגזיסטירט **נאכמיטאג שולע** | **ביז 50% ביליגער** | **נאכמיטאג פ עבלשולע** נאכמיטאג חדר

געגרינדעט אין 1904 יאהר

מעכאנישע פאבריק פון **קאפיטעס**



ווי אויך אויסארבייטונג פון קאפיטעס צו נארמאלע פיס און פאר לײַדענדע אויף ארטאפעדיע. די נידעריגסטע פרייזען און א גרויסען אויסוואהל אויף לאגער פאבריקס-פרייזען!

E. CZARNOMSKI, Łódź, Żeromskiego 46, tel. 202-15 (Pańska)

גענזעלשאפט „אינטערנאט פאר יודישע קינדער און פערמע אין העלענובעק" מיט די אנשטאלטען:

1) אינטערנאט פאר מעדלעך „פאמאץ", נארוטאוויטשא 7 און

2) בורסע פאר יוגענד אויפ'ן נאמען פון **שמואל שטיינשניידער** ז"ל. פאמאשסקא 41a

זונטאג, כ"ז תשרי (19.X) 11 א זייגער פארמיטאג צו דעם ערשטען יאהרצייט פונ'ם פריה-פערשטארבענעם

נ"ע שמואל שטיינשניידער שיקער פון ערשטען יודישען גימנאזיום

קומט פאר אין לאקאל פון דער בורסע פאר יוגענד אויפ'ן נאמען פון נ"ע שמואל שטיינשניידער. פאמארסקא 41a

א הזכרה

מיטגלידער און סימפאטיקער ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען. די פערוואלטונג.

Dr. H Weisshoff

אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען

זאוואדזקא 23, טעל. 162-95

צוריקגעקעהרט

נעמט אן אינדערהיים פון 2 — 4

ס'ווערט געברויכט

אינטער-מאשינער

ווינער-מאגאזין ערשטע צוסארט צו ערפאהרען

קילינסקיעגא 81 אין געוועלב

יין כשר!!!

ווער עס וויל זיך איבערצייגען, אז ווײַן דארף זיין גוט, כאטש ער קאסט ביליג עמפפעהלען מיר פון דער נייער ערעפענטער ווײַן און מעהד-פאבריק

א פלאש פון א ¼ ליטער זעהר גוטען ראדזינען **ווײַן** צו פאבריקס-פרייזען

נאר 65 גראשען.

בעמערקונג: צו דער בעקוועמליכקייט פון ג' פובליקום בעקומט מען אין ראיאן גרינעם מארק און שייבלערס מארק דעם אויבענדערמאנטען 1/4 ליטער גוטען ראדזינען-ווײַן א פלאש צום פרייז 65 גראשען ווי אויך אלע אנדערע סארטען ווײַנען צו פאבריקס-פרייזען אין די ווײַן-געשעפטען 1) פ. ליפעל, גרינער מארק 8; 2) ח. בלאנקעט, גלובנא 69.

מיט אכטונג

ווײַן און מעהד-פאבריק „פראגרעס" אלטער מארק 2

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט דער געעהרטער קונדשאפט, אז די ביורא פון

ד. מאנעלא

וועלכע איז געווארען געפיהרט אויף פיעטריקאווער 17, אין 2-טן הויף זאכאדניע 52 איז פון היינט אן איבערגעטראגען געווארען אויף פיעטריקאווער 17 אין ערשטען הויף ליגקע אפיצינע פארטער, וואו עס וועט ווייטער ווערען ערלעדיגט און געוויסענהאפט געשריבען אלערליי ביטעס קלאוזן עס און זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען.

מיט אכטונג **ד. מאנעלא.**

בעמ.: קלאוזולעס און זאבעזפיעטשעניעס ווערט ערלעדיגט במשך פון 24 שעה.

Z intencji zaręczyn

p. ABRAMA MOSZKOWICZA

z p. SALĄ CHĘCIŃSKĄ

życzymy wiele szczęścia i różowej przyszłości.

Eljasz Zylberszac z Żoną

דאנקזאגונג.

דערמיט דריקען מיר אויס אונזער בעסטען דאנק דער פערוואלטונג און עלטערן-קאמיטעט פון

„בית-יעקב"

בעזונדערס דער געעהרטער פרוי קלוגמאן פאר די איינגעארדנעטע זומער-קאלאניע, וואו מיר האבען זיך גוט ערהאלט.

די עלטערן און שילערינס פון דער „בית-יעקב-שולע" אין לאדז

JASNIEJ SŁONCA

עכט נור אין ארגינעלע שאכטעל

בעמערקונג! זאפראווע אויף דער וואג ארבייטען מיר נישט. ווארפט זאלכע אב אלס פאלשע סחורה

7-קל. מענער-שולע (z pr. szk. panstw.) פון

ש. שולדענריין

29 פאלודניאווא 29

גן-ילדים איז די געוואונשענע שולע פאר קינדער, וואס די עלטערן ווילען זיי געבען צוזאמען מיט וועלטליכע בילדונג א שטרענגע רעליגיעזע ערציהונג און גרינדליכע לעהרע אין תנ"ך, העברעאיש ווי אויך אין תלמוד.

דאס לעה"-פערסאנאל בעשטעהט פון די בעסטע פעדאגאגישע קרעפטען. אין פארברייטונגס-קלאס ווערען אנגענומען שילער פון 5 און א האלב יאהר אהן שום קענטעניש.

איינשרייבען טעגליך אין אלע קלאסען פון 9 ביז 2 און פון 4 ביז 6 נ.מ.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער לאנג-יעהריגען מיטגליד

ה. קארן

צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זיין אונפערגעסל כער

שוועסטער נ"ע

זייט געטרייסט!

דיר. פיוישיס, אקאמפ. לאקס און כאר פון „הזמיר" אין לאדז

100 טויזענד דייטשע ארבייטער

וועלען געהן אין א „הונגערמארש“ קיין דארטמונד

בערלין, 16. (ספ. טעל.) אין צוזאמענהאנג מיטן גראנדיעזן שטרייק פון די מעטאל־ארבייטער אין בערלין האלט עס אויך ביים אויסברוך פון א שטרייק אין דער בערג־בוי־אינדוסטריע אין ווהר־געביט.

די אקציע פון די בערג־ארבייטער זאל זיך אנהויבן מיט א „הונגער־מארש“ פון 100 טויזענד ארבייטער קיין דארטמונד. דער מארש זאל פארקומען צווישן 25־טען און 27־טען אקטאבער.

אויך דעפוטאט ליבערמאן

האט זיך געזאלט אפזאגן צו קאנדידירען

ווארשא, 16 (טעלעפאניש).

פון בריסק קומען אן דעות, אז אויך דער געוו. דעפוטאט ליבערמאן האט זיך אפגעזאגט אונטערצושרייבן די דעקלאראציע, אז ער איז מסכים צו קאנדידירען צום אצטן סיים, ליבערמאן זאל מאטיווירען זיין אפזאג: דערמיט, וואס ער קען נישט די סיטואציע אין לאנד.

פון פ.פ.ס.שע קוועלען גיט מען צו דעם צו, אז קיינער האט נישט ארויסגעשיקט קיין דעקלאראציע צו ליבערמאנען, ווייל ער האט זי אונטערגעשריבען נאך פאר׳ן ארעסט.

שפאלטונג אין „פיאסט“

די אפגעשפאלטענע געגרינדעט אן׳אייגענע פארטיי

פויזען, 16 (טעלעפאניש). אין פויזען איז פארגעקומען א צוזאמענפאהר פון אונצופרידענע פארשטעהער פון „פיאסט“. סאיז בעשלאסען געווארען ארויסצוטרעטען פון דער „פיאסט“ און גרינדען א נייע פארטיי אונטערן נאמען „אוניאפהענגיגע פאלקס־פארטיי, פיאסט“. די נייע פארטיי וועט ארויסשטעלען אייגענע ליסטעס צום סיים און סענאט און איז פאר א צוזאמענארבייט מיט דער איצטיגער רעגירונג. דער צוזאמענפאהר האט בעשלאסען אויסשליסען פון דער פארטיי אלע די, וועלכע קאנדידירען אויף די ליסטעס פון „צענטראלעוו“.

פאגאפער · קלאנג־פילם

היינט און פאלגענדע טעג!

גרויסער עראטישער זיטן־פילם

וואס אילוסטרירט דאס לעבען, ליבע, פערברעכען און אויסגעלאסענקייט

מאסקעס

אין די הויפטראלען:

B. Astor, Marcella Albani, Stuart Webbs, Erich Kaiser

אויסער׳ן פראגראם: קלאנג־צוגאבע און אקטואליטעטען פון לאנד און אויסלאנד.

פאפולערע פרייזען פון די פלעצער!

אנהויב אין געווענליכע טעג 4 נאכמיטאג. שבת, זונטאג און יום־טוב 1 א זייגער ביים.

די שטייער־רעפארמען וועלען נישט אדורכגעפיהרט ווערען

דורך קיין דעקרעטען פון מלוכה־פרעזידענט

ווארשא, 16 (ח) דאס פינאנץ־מיניסטעריום האט זיך היינט געווענדעט מיט א בריף צום פערבאנד פון די האנדעלס־קאמערען, אז ס׳וועט נישט געפלאנט אדורכצופיהרען קיין שטייער־רעפארם דורך דעקרעטען פון מלוכה־פרעזידענט. דער מיניסטער בעט אבער פון פערבאנד פאָרשלאגען אין דעם ענין.

דער גורל פון די קוועסטיאנירטע מלוכה־ליסטעס

ווארשא, 16 (טעלעפאניש).

היינט פינף א זייגער נאכמיטאג האט זיך אנגעהויבען די זיצונג פון די הויפט־וואהל־קאמיסיע וועגען פסלען אדער בעשטעטיגען די מלוכה־ליסטעס וואס זענען ביי דער ערשטער זיצונג קוועסטיאנירט געווארען. ביז׳ן שליסען דעם נומער דויערט נאך די זיצונג פון דער קאמיסיע און ס׳איז נישט פערהאן קיין שום רעזולטאט.

ארעסטירט א הויז־אדמיניסטראטאר

פאר בעגעהן וואהל־מיספרויכען

ווארשא, 16 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). מען מעלדעט, אז די מלוכה־מאכט בעזיצט א רייה פראטאקאלען, וועגען פערשידענע וואהל־מיספרויכען. ס׳האנדעלט זיך וועגען מיספרויכען פון הויזווירטע, ארמיי סטראטארען און מיטגלידער פון וואהל־קאמיסיעס.

נעכטען איז ארויסגעגעבען געווארען א בעפעהל צו ארעסטירען אן אדמיניסטראטאר פון א הויז, וועלכער ווערט בעשולדיגט, אז ער איז בעגאנגען מיספרויכען ביים צוזאמענשטעלען די רשימה פון וואהל־בערעכטיגטע לאקאטארען.

אוקראינישע פיהרער

ז נטערוועגירען ביי דער רעגירונג

ווארשא 16 (ח) דער דירעקטאר פון פאליטישען דעפארטאמענט פון אינערן־מיניסטעריום ה׳ סטאמיראווסקי האט אויפגענומען די אנפיהרער פון דער אוקראינישער „אונדא“: דעם פרעזעס פון דער פארטיי געוו. דעפ. דימיטרי לעוויצקי און דעם געוו. וויצע־מארשאלעק האלושטשינסקי. די קאנפערענץ איז געווען פערבונדען מיט דער לאגע אין מזרח־גאליציען און האט געדויערט אנדערהאלב שעה.

פונאנדערגעלאזען

די פראפעסיאנעלע פעראיינען אין קאטאוויץ

קאטאוויץ, 16 (טעלעפאניש) לויט א פעראָרדנונג פון דער פאליצייד־דירעקציע אין קאטאוויץ זענען פונאנדערגעלאזט געווארען די פרייע פראפעסיאנעלע פעראיינען אין קאטאוויץ.

אויטא־קאטאסטראפע

9 דערהרג׳עטע, 32 פערוואונדעטע

ריגע, 16. (אטע) היינטער מינסק איז פארגעקומען אן אויטא־קאטאסטראפע, בעת וועלכער ס׳זענען אומגעקומען 9 פערזאן, 32 פערזאן זענען פערוואונדעט געווארען.

171 פישערס דערטרונקען געווארען

בעת די לעצטע שטורמס אין פראנקרייך

פאריז, 16 (טו) די פארט־מאכט איז לאריענט שטעלט אפיציעל פעסט, אז בעת די לעצטע שטורמען זענען אומגעקומען 171 פישערס.

כדי צו בעהערען די אומגעקומענע זאל בעשטימט ווערען א נאציאנאלער טרויער־טאג.

אנולירט דעם פראצעס

געגען דעם פוילישן טוער אין קאוונא בורזשינסקי

קאוונע, 16 (ספ. טעל.) דער קרימינאלער פראצעס געגען דעם בעקאנטען פוילישען טוער, געוועזענער דעפוטאט פון קאוונער סיים ה׳ בורזשינסקי, איז אנולירט געווארען. בורזשינסקי איז בעשולדיגט געווען אין מלוכה־פעראט.

ארעסטען פון געוו. דעפוטאטען

ווארשא, 16 (טעלעפאניש).

נעכטען איז ווייטער ארעסטירט געווארען אן אוקראינישע געוו. דעפ. פון פ.פ.ס. סטאניסלאוו נעהרינג.

אין קראקע איז היינט בעפרייט געווארען דער געוועזענער סענאטאר פון פ.פ.ס. העלענא יאנוש, וועלכע איז מיט עטליכע טעג צוריק ארעסטירט געווארען.

פאלד ווי זי איז ארויס פון טורמע איז אבער אנגעקומען א מעלדונג, וועגען א נייער פערבעכען פון דער פרוי יאנוש און זי איז ווידער ארעסטירט געווארען.

היטלער זאל קומען קיין עסטרייך

וויען, 16 (וו) דער מיניסטער שטראהמבערג האט בעקומען א פארשלאג וועגען אפשאפען דעם פערבאט פאר אדאלף היטלער צו קומען קיין וויען.

1=טער קלאנג=פילם=קינא=טעאטער אין לאדז

Splendid

היינט און פאלגענדע טעג!

RIO RITA

וואונדערליך געזאנג פון ליבע און אפפערונג.

די וואונדערשענע **Bebe Daniels** קרעאירט די הויפטר.פיל מיט טעמפעראם.

John Boles

דער אונפערגלייכליכער פילם העלד

די שענסטע מעלאדיעס. / גלענצענדע אויסשטאטונג. / הארמאניע פון נאטירליכע פארבען. / 100 געשיקטע גירלס.

אנהויב 6, 8 און 10 אוונט. שבת, זונטאג און יום־טוב 4, 6, 8, 10 אוו. ... בילעטען אונגילטיג ביז צום פארופען.

נייער ענגלישער לופט־פליה־מיניסטער

לאנדאן, 16 (טו) אויפ׳ן ארט פון אומגעקומענעם ענגלישען לופט־פליהער־מיניסטער טאמסאן איז בעשטימט געווארען לארד אמבייר.

געשאסען אויף „וויוואט“

אויף דערשאסען דעם חתן

קראקא 16 (טעלעפאניש) בעת א חתונה אין סולעראוו האבען די געסט, וועלכע האבען זיך אויפגעזעצט אויף ד יפוהרען, כדי צו פאהרען צו דער חופה אנגעהויבען צו שיסען אויף „וויוואט“ איינע פון די קוילען האט געטראפען דעם מחותן קזשישאנאווסקי און איהם דערהרגעט אויפ׳ן ארט.

סטודענטען־אונרוהען אין שפאניען

מאדריד, 16 (ספ. טעל.) אין בארצעלאנא זענען היינט פארגעקומען זעהר שטורמישע דעמאנסטראציעס.

עטליכע הונדערט סטודענטען פון יורידישען פאקולטעט האבען אויסגעבראכען די טירען און ניך אריינגעריסען אין אוניווערזיטעט. די סטודענטען האבען דעמאלירט די בענק און קאטעדרעס און אראפגעריסען ד יבילדער.

דעם פארטרעט פון קעניג האבען די פערברענט.

ווידער פאניק אויף דער ניו־יארקער בערזע

ניו־יארק, 16(ספ. טעל.) אויף דער נעכטיגער בערזע איז ווידער געווען גוואלדיג אומרוהיג. גאנץ אומגעריכט האבען די פרייזען פון דער גרעסטער צאהל אקציעס געליטען אזא ירידה, וועלכע מ׳געדענקט נישט זייט׳ן יאהר 1928.

אויפ׳ן מארק זענען געווארען אזוי פיל אקציעס, אז ס׳האט איינגאנצען געפעהלט קויפערס און די פרייזען זענען געפאלען מיט יעדער מינוט.

גרויסע אפשפארונגען אין רוסלאנד

ליקווידירט 125 אמטען און סאוויעטישע אינסטיטוציע

ריגע, 16 (אטע) אויפ׳ן פארשלאג פון די ארבייטער אין פוילמים־עקספעדיציע האט דער ראט פון פאלקס־קאמיסארען בעשלאסען צו ליקווידירען 125 אמטען פון סאוויעטישע אנסטיטוציעס, צווישען זיי אויך אלע פארשטעהערשאפטען פון די פערבאנד־רעפובליקען אין מאסקווע. די פעראָרדנונג האט דעם ציל ארורכצופיהרען אפשפארונגען.

דעוועי פאדערט צו רעווידירען דעם ווערסיילער טראקטאט

בערלין, 16 (טו) דער ארויסגעבער פון „וויקטאר“ גוסטאוו העהווע האט פערעפענטליכט אן ארטיקעל, אז ס׳מוז רעווידירט ווערען דער ווערסיילער טראקטאט. העהווע רעדט אויך וועגען אנטערהאנדלונגען צווישען פוילען און דייטשלאנד וועגען דאנציגער קארידאר.

דראט־צוימען

געפלאכטענע, געוועבען, געלעכערטע, ראביץ־געוועבען אין אלע מעטאלען עמפפעהלט צו בילינע פרייזען

RUDOLF JUNG

Łódź, Wólczańska 151, telefon 128-97.

צו די ה"ה גנבים און פאסערס!

נעכטען ביינאכט האט מען בע׳גנב׳עט די יתומים־בורסע אויף פאמארסקא 41. מ׳האט צוגע־גנב׳עט א דאמען־פאלטא, א וואליזע וועש און אנדערע זאכען.

איך ווענד זיך דעריבער צו די גנבים און פאסערס, אז זיי זאלען זיך בעמיהען, אז די זאכען פון אונזער אינסטיטוציע, וועלכע ערציהט, צווישען אנדערע אויך עטליכע קינדער פון אייערע חברים, וועלכע זענען געבליבען אהן אויפזיכט צוליב וואס די עלטערן זיצען אין טורמע זאלען צוריקגעגעבען ווערען דער פילאנטראפישע אינסטיטוציע. דיסקרעציע געזיכערט. טעלעפאנירען—112־50.

מרדכי חיים רומקאווסקי

קילינסקיעגא 105.

קירזשנער־געזעלין

שליסערס און שליסערינס ווערען געזוכט

ביי א. וועגמאן, בושעושינער 57a

רוג מארישינער 6, פראנט 1־טער שטאק

Dr. Różaner

ספעציעל סט פון הויט און וועגערישע קראנקהייטען און קינדערלאזיגקייט

נארוטאוויטשא 9, טעלעפאן 128-98

נעמט אן פון 8–10; 5–8 אוונד

ספעציעלער ווארטע־זאל פאר פרויען

מיט א רוהיג געוויסען

גאראנטיר איך, אז מיינע

שאמאט=אייוועז און קוכען

וואס ווערען ביי מיר אין פאבריק אויסגעארבייט זענען פון די

בעסטע מאטעריאלען

געבויט און דעריבער שטארק, דויערהאפטיג און פינקטליך און רעיעל אויסגעפערטיגט.

בילינע פרייזען! ◆◆ רייכער אויסוואהל!

ס׳ווערען אויסגעפיהרט אלע ארט רעפעראטורען.

ערשטע שאמאט=אייווען=פאבריק

י. נ. גרינהאלץ

פיעטריקאווער 37

טעלעפאן 156=64

אנאנסן

אין „נייעס פאלקסבלאט“ האבען דעם גרעסטען ערפאלג.

לעזט!

אכטונג! אכטונג!

קאנקורענץ־פרייזען!

כדי צו ערמעגליכען די ברייטסטע קרייזען פון ג׳ פובליקום צו בעקומען א בילינע און גוטע קינסטלערישע אויפנאהמע זענען די פרייזען אין מיין פאטאגראפישען אנשטאלט געווארען פערקלענערט ווי

12	שטיק („Express pictures“)	זל.	2
6	פאסט־פאטאגראפיעס	„	2
6	פאסט־ „ ברוין	„	6
6	„ „ אויף זייד	„	8

אכטונג! צו א ½ טוץ זיידענע פאסט־פאטאגראפיעס גיט מען צו אכטונג!

אן׳אריגינעלען פארטרעט בחנם

ס׳ווערען אויך אויסגעפערטיגט פארטרעטען אין ראהמען און אויך א פערקויף פון ראהמען

קומט און איבערצייגט אייך

מיט אכטונג „PARISIEN“

קונסט־אנשטאלט

פראנציסקאנער 30.

ד״ר ראזענבלאט ערשטער קאנדידאט

פון דער ציוניסטישער ליסטע אין לאדז

ענטגילטיגער אפמאך צווישן ציוניסטן און דייטשען וואהל-בלאק

אומפארטייאישע חסידים זיך אנגעשלאסען אין ציוניסטישען בלאק

געכטען איז געקומען צו א ענטגילטיגער פערשטענדיגונג צווישען דעם בלאק צו פערטיידיגען די רעכט פון יודישען פאלק אין פוילען (ציוניסטישער בלאק) און דעם דייטשען וואהלקאמיטעט. דער אפמאך איז גילטיג צו די וואהלען צום סיים און פינף וואהלקרייזען (לאדז, פלאצק, קאליש, לאדזער־פאזיאט, וולאצלאוועק) און צום סענאט אין צוויי וואהלקרייזען (לאדזער און ווא ־שאווער וואיעוואודשאפט) אויף די קאנדידאטען ליסטען צום סיים אין לאדז, פלאצק און קאליש פיגורירען יודען און די ליסטע ווערען אנגעשלאסען אין דער מליכה־ליסטע פון בלאק צו פערטיידיגען די יודישע נאציאנאלע רעכט אין פוילען און וועלען טראגען דעם נומער 17, אויף די קאנדידאטען־ליסטען פון לאדזער קרייז און וולאצלאוועק וועלען פיגורירען אויף די ערשטע פלעצער דייטשען און די ליסטע וועט טראגען דעם נומער 12 פון דייטשען וואהל־בלאק צום סענאט וועט אין לאדזער וואיעוואודשאפט פיגורירען אויף דעם ערשטען פלאץ א דייטש און ווארשאווער וואיעוואודשאפט א יוד (ליסטע נומער 17) אויף אזא אופן וועלען אין די ערטער, וואו עס איז דא א יודישע מעהרהייט, די דייטשען שטימען פאר דעם יודישען קאנדידאט און פערקעהרט, וואו עס איז דא א דייטשע מעהרהייט, וועלען די יודען שטימען אויך פאר דעם דייטשען קאנדידאט.

ווי מיר ווערען געוואויער האבען די אומפארטייאישע (אלעקסאנדרער א. א. חסידים) זיך אנגעשלאסען אין דעם ציוניסטישען בלאק, וועלכער טרעט ארויס א. נ. : „בלאק צו פערטיידיגען די רעכט פון יודישען פאלק אין פוילען" (ליסטע נומער 17) דער קאנדידאט פון די אומפארטייאישע ה׳ בניםין רום, געוועזענער פרעזעס פון דער לאדזער קהלה פערוואלטונג און ראטמאן פון לאדזער שטאדטראט וועט קאנדידירען אויף דעם ערשטען ארט אין לאדזער ליסטע צום סיים און אויך אויף דער קאנדידאטען ליסטע צום סענאט אין דער לאדזער וואיעוואדשאפט.

אויף דער קאנדידאטען־ליסטע צום סיים פון בלאק צו פערטיידיגען די יודישע נאציאנאלע רעכט אין פוילען, נומער 17, פון לאדז פיגורירען : ד״ר ראזענבלאט, וויל (דייטש), ה. פארבשטיין, יעסטעל (דייטש), הארטגלאס א. א. פון לאדזער קרייז: אוטטא, ד״ר ראזענבלאט, קאליש : ב. רום, אוטטא, פלאצק יוסף לעווי און פאטרקאוו קאנדידירט אדוואקאט הארטגלאס, צום סענאט פיגורירען פון דער לאדזער וואיעוואודשאפט שפיקערמאן, ד״ר ראזענבלאט, און דער ווארשאווער וואיעוואדשאפט ד״ר ראזענבלאט.

קאנדידאטען־ליסטע פון „לינק סאציא־ליסטישען בלאק"

(פ) מיטוואך, שפעט אין אוונט האט זיך אין דער לאדזער הויפט־וואהל־קאמיסיע געמעלדען אברהם זינגערמאן און איבערגעגעבען דעם הויפט־וואהל־קאמיסאר ריכטער קארווין קארעטקעוויטש די קאנדידאטען־ליסטע פון „לינקען סאציאליסטישען בלאק".

אויפ׳ן ערשטען ארט פיגורירט ראטמ. ליכטענשטיין אויפ׳ן צווייטען ארט — ד״ר קרוק.

נאכדעם ווי די ליסטע איז קאנטראלירט געווארען, איז זי פערבונדען געווארען מיט דער מלוכה־ליסטע און בעקומען דעם נומער 5.

דער יודישער ארבייטער וואהלקאמיטעט פועלי־ציון טראגט היינט אריין א ליסטע אינ. וואהל־קרייז לאדז און אין לאדזער ראיאן. די ערשטע קאנדידאטען אויף דער ליסטע זענען : ראטמאן לעוו, ראטמאן האלענדערסקי, ראטמאן בוקסבוים, וויצע־פארזיצער פון שטאדטראט ד״ר שיפער ראט־מאן שאפירא א. א.

אויף דער ענדעקישער ליסטע, וואס איז אריינ־געטראגען געווארען אין דער וואהלקאמיסיע פי־גורירען : רעדאקטאר פון „ראזוואי" טשאיעווסקי, קיעזשינאווסקי און קארטשאק.

די רעכטע נ.פ.ר. — קוטשא, וישעוולסקי און האראראוויטש.

די „פראקעס" — פורלארסקי, פלוטשעניק און קמיעטשיק.

„צענטראלעוו" — פרעזידענט זשעמיענצקי, גע־וועזענער רעפ. קאזאלסקי און געוו. רעפוזאט קראנץ (דייטש).

קאנצלער ברינינגס עקספאזע אין רייכסטאג

וועגען דער אינערליכער און אויסערליכער פאליטיק פון דייטשלאנד

0 בערלין, 16 (טו) אויף דער היינטיגער זיצונג פון רייכסטאג האט דער קאנצלער ברינינג געהאלטען זיין עקספאזע. די קאמוניסטען האבען איהם בעגעגענט מיט א פייפעריי און אויסגעשרייען: „נידער מיט דעם הונגער־קאנצלער".

מינ. ברינינג האט קודם־כל אנגעוויזען אויף דער שווערער ווירטשאפטליכער לאגע פון דייטש־לאנד און האט צוו. אנד. אויסגעפיהרט: „די אויס־סערגעוועהנליכע לאגע קען מען נאר בעקעמפען מיט אויסערגעוועהנליכע מיטלען, פיל דייטשען האבען זייערע פערמעגענס אוועקגעשיקט קיין אויס־לאנד, ווען נישט וואלטען מיר נישט געדארפט זאר־גען פאר דעם גאלד־מארק. איצט האבען מיר דיך בעמוהט ווענדען קיין אויסלאנד. פון אויסלאנד האבען מיר די פערלאנגטע מיטלען דערהאלטען צו בעפרידיגענדע בעדינגונגען בתנאי, אז די הלואה זאל בעשטעטיגט ווערען לויט׳ן געזעץ. איך פאדער אייך אויף צו שענקען דאסזעלבע צוטרוי דער דייטשער ווירטשאפט, ווי מ׳האט עס אין אויסלאנד (טומעל און אויסגעשרייען אויף רעכטס און ביי די קאמוניסטען). דער סאנירונגס־פלאן פון דער רע־גירונג איז דער: פולקאם אויסגלייכען דעם בודזשעט אויפ׳ן קומענדיגען יאהר. די אליין אויסהאלטונג און דער ארבייטער־פערזיכערונג, שפארזאמקייט אויף אלע געביטען, אויך ביי די שכירות פון די בעאמטע און פערא־ינפאכונג פון בעאמטען־אפאראט, בעזונדערס אין דער שטייער־פערוואלטונג. אלע שיכטען פון דייטשען פאלק מוזען ברענגען קרבנות. די רעגירונג בעטראכט אויך אלס דרינ־גענדען געבאט צו געבען הילף דער לאנדווירט־שאפט און שיצען זי געגען דער פערפלייצונג פון אויסלענדישע פראדוקטען.

דאס העכסטע ציל פון דער דייטשער אינער־ליכער און אויסערליכער פאליטיק, איז די עראבע־רונג פון דער נאציאנאלער פרייהייט און די נא־ציאנאלע און מאטעריעלע גלייכבערעכטיגונג פון דייטשלאנד, דער וועג צו דערגרייכען דעם דאזיגען ציל איז אזוי ווי ביז איצט דער וועג פון שלום. א פאליטיק פון אוואנטורעס ווארפט די רעגירונג אפ. דייטשלאנד האט שוין פיל שלעכטע צייטען אדורכגעמאכט. קודם־כל מוז מען שאפען ארדנונג אין אייגענעם הויז, אויסלאנד טאר אבער נישט פערשליסען די אויגען אויף דייטשלאנדס ווייטערע ענטוויקלונג. די יונגע גענעראציע לעבט אין נישט־זיכערקייט איבער איהר צוקונפט, וואס איז בע־זונדערס אויפרעגענד איז דער פאקט, וואס נאך די ערשטע שווערע ענטוויקלונג איבער ווילסאנס 14 פונקטען. ווערען איצט דורך דער געגנערישען צד איינגעהאלטען אפילו די פונקטען פון ווערסאי־לער פערטראג, וועלכע זענען לטובת דייטשלאנד, בעזונדערס אין דער ענטוואפנונגס־פראגע, די רע־גירונג וועט לויט איהרע מעגליכקייט שטרעבען אויסצובויען דייטשלאנדס לאנד־פערטיידיגונג. די געגענזאצען פון וואהל־קאמף מוזען איצט פערגעסען ווערען, די נויט פון פאלק פערלאנגט דאס, ס׳זאלען פערלאנגט שווערע קרבנות".

נאך דער רעדע פון רייכסקאנצלער האט דער פארלאמענט־פארזיצענדער לעבע געמאלדען, אז די לאנד־פאלקס־פארטיי האט אריינגעטראגען אנ׳ - אונצוטרוי־פארשלאג געגען אויסערן - מיניסטער קורציוס.

בערלין, 16 (או) דער פרייסישער לאנדטאג האט מיט 233 שטימען געגען 198 אפגעווארפען דעם קאמוניסטישען פארשלאג וועגען אונצוטרוי פאר דער רעגירונג.

בערלין, 16 (טו) דאס ניי־געוועהלטע פרע־זידיום פון דייטשען רייכסטאג איז געווען מיט א בעזוך ביים פרעזידענט הינדענבורג. הינדענבורג האט געבעטען דאס פרעזידיום צו זארגען דערפאר אז די בעראטונגען פו ן רייכסטאג זאלען דערהאלטען זיין כבוד.

בערלין, 16 (טו) אלע רייכס־אנגעשטעלטע (נישט בעאמטע) זענען געקינדיגט געווארען ביז׳ן 31. מערץ 1931. דאס ווערט געטון צוליב דעם, ווייל דאס פינאנצמיניסטעריום האט בדעה צו פער־קלענערען די געהאלטען מיט 6 פראצענט.

אין דער 7 קלאסיגער

קנאבען־שולע פון

נ. פיינהויז

זאוואדסקא — 26 —

ווערן אנגענומען קינדער אין עלטער פון 5 יאהר.

בעמערקונג : די שולע עקזיסטירט שוין 37 יאהר און אויסער די אלגעמיינע למודים, וואס ווערען גרינדליך געלערנט לויט דעם רעגירונגס־פראגראם, צייכענט זי זיך אויס מיט איהר גרויסען פראגראם פון אלע יודישע למודים.

אין דער 7־קלאסיגער שולע

פון יצחק גאלדבערג

פאבאזש־שולע Al. I maja 16

טעלעפאן 127 98

זענען נאך לעדיג צו איינציגע פלעצער אין די כתות: א, ב, ג, ד, ה, ו, אויך אין דער אפטיילונג פאר

נישט שול־פליכטיגע קינדער (6־יאהריגע).

אין דער כתה ד׳ און ה׳ קענען זיך מעלדען איינציגע גוט־ערצויגענע קינדער, וועלכע האלטען ביי גמרא מיט תוספות פאר א חצי־חנמ׳דיגען שכר למוד

א טיכטיגער פערקויפער

אין סוויטער־בראנזשע ווערט זאפארט געבראוכט צו ערפארן ביי י. ב. רובין גאווראמיעסקא 5 אין הויף

— ביליג —

צו פער־

מיטען א

פלאץ

געאייגענט אויף א בוי = האליך = געשעפט צוזאמען א שותף,

אפערטען אונטער „נומער 4556" אפצוגעבען אין אדמינ. פון „נייעם פאלקסבלאט". 19087

פארבערייטונגס־קאמפלעטען

פאר קינדער פון 3 ביז 8 יאהר

D-rowej LANGEROWEJ

פרוי דר. לאנגער.

סקווערא 6, טעל. 215-17

לעטשניצע

פון דאקטוירים ספעציאליסטען און דענטיסטישער קאבינעט.

זשעראמסקעגא 11, טעלעפאן 3763

צייטען פון 9 פריה ביז 7 אווענד.

ד״ר אימיך נאז, האלז, אויערן ק׳	4½—3½
ד״ר קערשנער קינדער־קראנקה.	11-9 4½-5
ד״ר שיפמאן אינערליכע קראנקהייטען	2—12
ד״ר ביבערגאל הויט און ווענער.קר.	12½—11½
ד״ר שפירגעלד נערוען און גשמיטגע קר.	2—1
ד״ר גאלדבלאט אויגען־קראנקה.	1½—12½
ד״ר חיים כירורגישע קראנקהייטען	3—2
ד״ר שמערלאווסקי פרויען־און געבורטס־הילף	4½—3½

ניכט־מערביץ, שפראך־שטערונגען ווי שטאמלען א. א. סטאקען־שטאלען, קינסטליכע בערג־זון־בעשטראהל. אינ־האליר, טאמאזשען, עלעקטריזאציע, אפערעט. אויף פערלאנג וויזיטען און שטאט. אין לאבאראטאריום ווערען אנגענומען אלע ארט אנאליזען, אויך פלעגמע און בלוט

אימפונגען געגען שקארלאטין.

ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען

א רענטגען־אינסטיטוט.

ד״ר לאזשינסקי־סטאראפאלסקא

צאהן־ערצט 10—1, 3—6

קינסטליכע ציהן, קראנען, פלאמבען א.א.וו.

די לעטשניצע איז טעטיג אויך זונטאג

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאקטוירים־ספעציאליסטען

זאוואדזקא 1.

נאר פאר וועגערישע הויט־קראנקה, און מענער־שוואכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אורא־לאגישע און נערווען־קראנקהייטען. קווארץ־לאמפ. עלעקטרישער הייל־קאבינעט קאסמעטיק.

— טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אווענד. —

פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכמ. נעמט־אן א פרוי־דאקטאר נור קינדער און פרויען זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.

— בעזונדער ווארטע־צימער פאר פרויען. —

וויזיט 3 זל.

לונגען־ליידען זענען היילבאר!

פריהער

לונגען, טובערקולאז שווינד זוכט, הוסטען, טרוקענע הוסטען מיט פלעגמע, נאכט־שווייס, בראנכיט־קאטאר, קעהל קאפ־קאטאר, איבער־פלוס פון פלעגמע, בלוט־שפייען, בלוט־שטורץ, קלע־מונג, אסטמע - כארכלען, זייטען־שטעכען א. אנד.

זענען היילבאר

טויזענדער זענע שוין געהיילט

פערלאנג תיכף מיין בוך איבער מיין

יעצט

„נייעם נאהרונגס = סיסטעם"

וועלכע האט שוין א סך מענשען געראטעוועט

עס קאן אנגעווענדעט ווערען פאר יעדען לעבענס־שטייגער און העלפט די קראנקהייט שנעלער צובעזיגען. די וואג פון קערפער שטייגט און די וואקסענדע פערקאלכונג פיהרט דערצו, אז די ליידען הערען אויף. ערנסטע טעריציגער — היסענשאפטס־מענער בעשטעטיגען, אז מיין מעטאדע איז אויסגעצייכענט און זיי שפרעכען אונטער די נוצליכקייט פון דער אנווענדונג.

דאס פריהער מען הויבט אן זיך קורירען מיט מיין מעטאדע, אלץ בעסערע רעזולטאטען דערגרייכט מע.

אינגאנצען אומזיסט

בעקומט איהר מיין בוך, פון וועלכען איהר וועט וויסענשאפט ערפאהרען. דער עס ווערט פון שמערצען געקוועלט און ווער עס וויל שנעל אהן בעפאהר גרינדליך זיך בעפרייען פון זיינע ליידען דער זאל שוין שרייבען, נאך היינט־איך שרייב נאכאמאל אונטער, אז איהר דערהאלט מיין ערקלערונג גאנץ אומזיסט אהן יעטוועדער פערפליכטונג פון אייער זייט, און יעדער דאקטאר וועט זיכער צושטימען צו דעם

נייעם נאהרונגס־סיסטעם

וועלכעס איז אנערקענט דורך פיל פראפעסארען אלס אויסגעצייכענט מיטעל.

עס ליגט אלזא אין יעדערנס אינטערעס, זאפארט צו שרייבען און יעדער וועט דורך דעם דאנקבאר פער בלייבען. בערייגט ווערען. זאל יעדער זיך אויסלערנען צו שטארקען דאס שטערבען צו געזונדהייט.

א דאנק דעם בוך פון א פראקטיצירטען דאקטאר וועט גאראנטירט ערקוויקונג און לעבענס־לוסט און אלע, דאס אינטערעסירען זיך מיט דער איצטיגער מעטאדע פון דער לונגען־קראנקהייט־לעהרע דארפען דאס אויסשרייבען. מיין אדרעס:

Georg Fulgner, Berlin-Neukölln, Ringbahnstrasse 24, Abt. 643.

די פלענער פון רייכסווער

איינאיינעם מיט די סאוועטען צו אטאקירען פוילען

רעוועלאציעס פון א פראנצויזישען גענעראל

פאריז, 16. (ספ. טעל.) אין „רעוווי דע דעי מאנד" פערעפענטליכט א גענעראל וועלכער גיט נישט אן זיין נאמען, סענסאציאנעלע רעוועלאציעס וועגען דער מיטארבייט פון דייטשען רייכסווער מיט די סאוויעטען.

דער גענעראל שרייבט, אז דאס רייכסווער־מיניסטעריום האט זיך א לאנגער צייט געפיהרט א פאליטיק פון דערנעהנטערען זיך מיט רוסלאנד און האט, כדי געמיינזאם צו אטאקירען פוילען, דערביי האט זיך דער רייכסווער לגמרי נישט גערעכענט מיט דער אפיציעלער פאליטיק פון אויסערן־מיניסטעריום. אבער כל זמן דער רהיין־געביט איז געווען אקופירט האט מען נישט געקאנט טראכטען וועגען אנ'אנגריף אויף פוילען.

איצט האט זיך די לאגע געביטען און ס'איז פאראויסגעזעהען אנ'ערנסטער קריג מיט פוילען ביי דער נייטראליטעט פון פראנקרייך. אבער פראנקרייך איז גענוג פארזיכטיג צו פערשטעהן, אז א מפלה פון פוילען וואלט בעדייט דעם אנהויב פון פראנקרייכס מפלה גופא.

די שטעלונג פון אינזש. רוטענבערג

צו דער יודישער אגענץ

ירושלים, (ספ. טעל). פ. רוטענבערג, דער פרעזעס פון ועד לאומי האלט, אז די יודישע אגענץ פיהרער, איינגעשלאסען דר. וויצמאן, האבען נישט בעגריפען ווי עס געהער צו זיין די ערנסטקייט פון דער איצטיגער לאגע אין פאלעסטינא, הויפט־זעכלעך, אויף וויפיל דאס האט צו טון מיט די ערווארטעטע רעקאמענדאציעס פון סער דזשאן סימפסאן.

רוטענבערג האט זיך ענטזאגט פון זיין פריהערדיגען בעשלוס פון אויפגעבען זיין פארזיצער־שאפט. מען האט וועגען דעם אפגעהאלטען א זיצונג ביי פערמאכטע טירען אין תל אביב. קאלאנעל קיש, מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער יודישער אגענץ ,איז געווען אנוועזענד אין נאמען פון דער יודישער אגענץ.

— די ענטוישונג מיט דער יודישער אגענץ האט רוטענבערג געקראגען ביי זיין צוריקקעהר פון בערלין. ער זעהט פאר א בעשרענקונג פון ווייטערדיגען לאנד־פערקויף. גלייך ווי ער איז געקומען פון בערלין, האט רוטענבערג אויף דער ערשטער זיצונג פון ועד לאומי געהאט בדעה אנצונעהמען א ווטע־לונג ,וואס וואלט אפגעפרעמדט דאס פאלעסטינער יודענטום פון דער אגענץ. אויף דער איצטיגער זי־צונג האט ער אבער א סך מאדיפיצירט זיין שטעלונג.

דער ועד לאומי האט בעשלאסען לויט דער רעקאמענדאציע פון רוטענבערג'ן צו אנהויבען שאפען אפמאכען צווישען ארבייטס־געבער און ארבייטער פאר געצוואונגענע ארביטראציע און סכסו־כים, כדי צו פערמיידען שטרייקען און לאקאאוטען.

בעליידיגט פילסודסקי'ן

און דאס בידגאשטשער געריכט בעפרייט איהם

בידגאשטש, (טעלעפאניש). אין ב... אש־טשער געריכט איז פארגעקומען דער פראצעס פון בעאמטען קאסטשעווסקי, וועלכער איז געווען בעשולדיגט אז אויף א מיטינג האט ער זיך געהאט אויסגעדריקט: „אזוי ווי לעבינען האט מען געשיקט פון דייטשלאנד קיין רוסלאנד, אזוי האט מען פיל־סודסקין אנגעשיקט פון דייטשלאנד אויף פוילען. פון דעמאלט אן שפילט פילסודסקי א פאלש ספיל, געפינט זיך אונטער'ן איינפלוס פון דער מאסאנעריע, און שטרעבט אפצושוואכען פוילען".

דער פערטיידיגער פון בעשולדיגטען האט אנ־געוויזען דערויף, אז דער רעדנער האט בעליידיגט פילסודסקין אלס פערזאן, פילסודסקי איז דעריבער מחוייב געווען אריינצוטראגען אנ'אקלאגע. אזוי ווי אבער ער האט דאס נישט געטון, דארף דער בע־שולדיגטער בעפרייט ווערען.

דאס געריכט האט דעם בעשולדיגטען פריי־געשפראכען.

וואצלאוו שיעראשעווסקי'ס

פראיעקט פון קאנסטיטוציע

אין נעכטיגען „קוריער פאראנני" פערעפענט־ליכט דער בעקאנטער פוילישער שריפטשטעלער וואצלאוו שעראשעווסקי (א פערברענטער פילסוד־טשיק) א פראיעקט פון ענדערען די קאנסטיטוציע.

לויט'ן דאזיגען פראיעקט ווערט דער מלוכה־פרעזידענט געוועהלט דורך א פלעביסציט; דער פרע־זידענט רופט צונויף און לאזט פונאנדער דעם סיים און בעשטימט א רעגירונג, וועלכע איז בלויז פאר איהם פעראנטווארטליך. א חוץ דעם האט דער פרע־זידענט דאס וועטא־רעכט אויפ'ן געזעצגעבערישען געביט. אין וויכטיגע פראגען קאן סיי דער פרעזי־דענט, סיי דער סיים פעראָרדנען א רעפערענדום (פאלקס־אנפראגע).

דער סענאט ווערט אפגעשאפט. די צאהל דע־פוטאטען ווערט רעדוצירט ביז 150—200. נעבען סיים ווערט געבילדעט א ווירטשאפטליכער ראט פון פאך־בעאמטע און פארשטעהער פון ווירטשאפטליכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס.

מיליארדען־ירושה

צוריקגעמאהנט דורך יודען פון דער רומענישער רעגירונג

וויען, (ספ. טעל.) מיט איניגע יאהר צוריק האט א יודישער מיליאנער פון רומעניען, יעקב עליאס, וועלכער איז געשטארבען, איבערגעלאזען א ריזיגע ירושה פון מיליארדען לעי צו דער רומע־נישער רעגירונג פאר בילדונגס־צוועקען.

דאס „פראגער טאגעבלאט" מעלדעט איצט, אז די פאמיליע פון יעקב עליאס מאהנט איצט צוריק די ריזיגע ירושה דורך דעם וואס עס עקזיסטירט אזא ווילדער אנטיסעמיטיזם אין רומעניען.

די פאמיליע ערקלערט, אז עליאס האט ג[illegible] געבען זיינע מיליארדען דער רומענישער רעגירונג כדי זי זאל עפענען אנ'אקאדעמיע פאר לערנען און איבערהויפט צו בעקעמפען די אנטיסעמיטישע בעוועגונג צווישען דער רומענישער אינטעליגענץ אוז סטודענטען. אבער זיין וואונש איז נישט ער־פילט געווארען, די רומענישע רעגירונג האבען נישט געטון דאס, וואס עליאס האט געוואלט, און צוליב דעם ווערט בטול זיין צוואה.

עליאס האט זיין וואונש קלאר און דייטליך ערקלערט דער רומענישער אפיציעלער קאמיסיע, איידער ער האט זיין צוואה אונטערגעשריבען אָ־בער טראץ דעם, וואס מען האט זיין בעדינגונג אנגענומען, האט מען געלאזען דעם אנטיסעמיטיזם ווילדעווען און זיך פערשפרייטען, דערמיט האט מען געטרעטען די בעדינגונגען פון דער צוואה און די ווערט בטל.

אויף דעם גרונד ערקלערט די פאמיליע, אז זיי זענען די געזעצליכע יורשים פון עליאס'ען און פאדערען צוריק פון דער רומענישער רעגירונג זיין פערמעגען.

אלטער יוד פערשטיינט פון אראבער ביים כותל מערבי

ירושלים, (ספ. טעל.) א פרישער טרויע־ריגער אינצידענט איז פארגעקומען ביים כותל מערבי. בעת אנ'אלטער יוד, וועלכער איז געקומען פון אמעריקא האט געדאווענט מנחה ביים כותל מערבי, האבען צוויי עגיפטישע אראבער איהם בעוו־ווארפען מיט שטיינער און איהם פערוואונדעט, די פאליציי האט ארעסטירט די אראבישע אנפאלער און ביי איינעם פון זיי האט מען אויך געפונען א קינזשאל.

א מת צווינגט א לעבעדיגען אבצוגעבען די חזקה פון עמוד

א לעגענדארע פאסירונג איז פארגעקומען בעת די ימים נוראים אין לעמבערג מיט א בעל תפלה פון „עושה חסד" שוהלעכעל

לעמבערג

אין שוהלעכעל „עושה חסד רבית יוסף" אויף סטארי רינעק האט אלס בעל־מוסף געדאווענט א פאר יאהר זלמן שאר ז"ל.

פאראיאהרען איז ר' זלמן שאר און געשטא־בען האט אלס בעל־תפלה אין דאזיגען שוהלע־כעל געדאווענט זיין ברודער ה' מתתיהו שאר.

היי־יאהר האט שוין ה' מתתיהו שאר געדאוו־ענט אלס בעל־מוסף אין אנ'אנדער שוהלעכעל. די פערוואלטונג פון שוהלעכעל „עושה חסד" האט דערפאר אויפגענומען אלס בעל־מוסף ה' שלום שטיין, שקארפאווא־גאס נומער 1.

ראש השנה איז אלעס צוגעגאנגען אין דער בעסטער ארדנונג. ה' שטיין האט געדאווענט מוסף און דער עולם מתפללים איז גאנץ צופריעדען געווען.

ערב יום־כפור ביינאכט האט אבער ה' שטיין געזאגט כל נדרי און דערמאנטען שוהלעכעל. נאך כל נדרי איז ער אהיימגעגאנגען און זיך געלעגט שלאפען.

ה' שטיין איז גראד די גאנצע נאכט נאך גע־שמאק געשלאפען און שוין געגען טאג איז צו איהם געקומען אין חלום ר' זלמן שאר און איהם געפרעגט היתכן: פארוואס ער, שטיין דאווענט און נישט זיין ברודער מתתיהו.

שטיין האט זיך פערענטפערט און דעם מת ערקלערט, אז די פערוואלטונג האט און הם אנגאזשירט און דערפאר דאווענט ער דארט מוספים.

— וואס עס איז געווען און פערפאלען — האט שטיינען אין חלום געענטפערט ר' זלמן שאר — אבער מארגען יום־כפור זאלסטו מעהר נישט דאווע־נען און מיין ברודער מתתיהו מוז דארט אין שוהלעכעל דאווענען מוסף.

ה' שטיין האט אין חלום געגעבען דעם טוי־טען זיין האנט, אז ער וועט יום־כפור נישט דאוו־ענען, נאר טאקע ה' מתתיהו שאר.

א פערחלשטער האט זיך ה' שטיין שוין גאנץ פריה אויפגעכאפט פון זיין שלאף. ער קען זיך לייכט פארשטעלען די שרעק און וועלכע עס האט דעם חאזנען יום־כפור אין דער פריה איבערגע־לעבט ה' שטיין. ער האט זיך באלד אנגעטאן און געלאפען אין שוהלעכעל „עושה־חסד". און אנגע־הויבען דערצעהלען דעם עולם איבער דעם חלום, וואס ער האט היינטיגע נאכט געהאט.

דער עולם איז זיך באלד צונויפגעקומען און אין שוהלעכעל האט אנגעהויבען קאכען ווי אין א קעסעל. מען האט אנגעהויבען האלטען אן עצה, וואס צו טון, צי זאל מען אפשר אריבערגעהן אין בית דין פרעגען א שאלה.

מען האט אלזא געשיקט רופען ה' מתתיהו שאר און איהם דערצעהלט די גאנצע מעשה, אז זיין פערשטארבענער ברודער פערלאנגט, דאס ער זאל היינט דאווענען מוסף פאר'ן עמוד.

— ווי אזוי קען איך דא דאווענען ווען איך דאווען ערגיץ אנדערש? — האט גענטפערט ה' מתתיהו שאר.

— עס וועט אייך גארנישט העלפען — האט איהם דער עולם געענטפערט. — אזוי איז דער ווילען פון אייער פערשטארבענעם ברודער ר' זלמן ז"ל און אזוי מוז עס געשעהען.

ה' מתתיהו שאר האט מספים געווען און געדאווענט מוסף אין שוהלעכעל „עושה חסד".

ווער איז פעראנטווארטליך

שטימען פון דער פויל. פרעסע וועגן אטענטאט אויף מארשאל פילסודסקי

„גאזעטא פאלסקא" דער ארגאן פון דער סאנא־ציע, ארומרעדענדיג דעם אטענטאט אויפ'ן מארשאל פילסודסקי, ווארפט ארויף די מאראלישע אחריות פונ'ם אטענטאט אויף דער גאנצער פ.פ.ס.

„די געזונדע מיינונג פון דער געזעלשאפט, שרייבט די צייטונג, וועלען נישט פערטונקלען די דריידלעך פון „ראבאטניק" און דער אנפאלענדער טאן פון דער פארטיי־לייטונג וועלכע הענגט ארויס דאס פעהנדעל פון „פראוואקאציע", כדי אפצוציהען די אויפמערקזאמקייט פון די גייסטיגע פיהרער און מאראלישע שולדיגע אין די „אנטי־מלוכהשע פער־ברעכערישע אקטען". „אהן דער פערברעכערישער זריעה פון „ראבאטניק" און דער אויפגעפענטע־טער אנטימלוכהשער אקציע פון דער אפאזיציע, וואלט נישט געווען קיין ארט פאר'ן וואהנזיניגען פלאן פון יאגאדזשינסקין, וועלכער איז ארויסגעוואק־סען אלס געמיין קערנדעל און גיפטיגע בלום פון דער זריעה".

די ענדעקישע „גאזעטא ווארשאווסקא" שטיצט די ווערסיע פון פראוואקאציע, שרייבענדיג:

„מיר שטעלען פעסט, אז עס זענען פערהאן בע־האלטענע פאקטארען וועלכע לאזען ארויס אין גע־וויסע וויכטיגע מאמענטען ידיעות, וואס האבען דעם ציל אויפצורעגען און צו דעזאריענטירען די גע־זעלשאפטליכע מיינונג, עס זענען אויך פערהאן אנ־דערע פאקטארען, וועלכע בעמיהען זיך אין דער דא־זיגער געדיכטער אטמאספערע דורכצופיהרען זייערע אונווירדיגע פלענער. א בעווייז איז דער אויפרוף פון די אכט סאנאציע־ארגאניזאציעס...

„מיר ווייסען נישט, וואס וועלען זיין די ווייטערדיגע גאד־סורפריזען פון די פערשידענע ליגעס און פעדעראציעס. ווארנענדיג פאר זיי די געזעל־שאפט, ראטען מיר אנצוטון גאזמאסקעס און זיך נישט לאזען פערפיהרען דורך פראוואקאציעס".

דער „ראבאטניק" האלט, אז איינער פון די וויכטיגסטע פערבינדעטע פון דער סאנאציע אין איהר וואהל־קאמף איז די פאסיווקייט פון דער אפאזיציע:

„די סאנאציע, שרייבט דער ארגאן פון פ.פ.ס. טוט אין משך פון עטליכע יאהר אלצדינג וואס ליגט אין איהר מאכט, כדי אונמעגליך צו מאכען די גע־זעלשאפט פון עפענטליכען לעבען. כדי אפצושרעקען זי פאר פאליטיק. מ'האט ברוטאל געמאכט דאס פאליטישע לעבען, כדי די מעהר עמפינדליכע זאלען דערפון אוועקגעהן; מ'האט עס טעראריזירט כדי עס זאלען אוועק מענשען פארזיכטיגע, וואס האבען ליב רוה... און דערביי האט מען געשאפען אנ'אטמאספערע פון האפנונגסלאזיגקייט. ספעציעל אין צוזאמענהאנג מיט די וואהלען פערשפרייט מען צווישען דער בעפעלקערונג די איבערציי־גונג, אז קיין שום גארנישט העלפען, אז אין פאל פון א מפלה וועט די רעגירונג נישט אפטרעטען ,אז דאס פאלשע שפיל וועט ווייטער געפיהרט ווערען".

שווערע טראגעדיע אין א פאמיליע

ווארשא, 16. (טעלעפאניש). אנ'אויסטערלישע טראגעדיע האט זיך אפגעשפילט אין דער פאמי־ליע פון 65־יעהריגען קאראל סטעמפקאווסקי.

מיט דריי יאהר צוריק איז אין דער פאמיליע געשטארבען א טאכטער, די טעג איז געשטארבען א צווייטע טאכטער. כדי צו האבען אויף קבורה־געלד, האט זיך איהר שוואגער, דער מאן פון איהר שוועסטער שטארק פערשולדיגט און איז אויס פער־צווייפלונג בעגאנגען זעלבסטמארד, זיין פרוי, די דריטע טאכטער, האט ביי דער ידיעה פון מאנ'ס טויט זיך פערסמט און איז געשטארבען.

צוויי יודישע פרויען פאדערן דעם טויטען קערפער פון איין מאן

פון פאריז מעלדעט מען:

אין א האטעל אויף רו פאבשאל האט מע געפונען טויט א רומענישען יוד זשאן יאקובסאן, 31 יאהר אלט. קיינער האט נישט געוואוסט צו־ליב וואס דער רומענישער יוד איז בעגאנגען זעלבסט־מארד, מען האט איהם געזעהען ארויפגעהן צו זיך אין האטעל. עס איז דורך א טאג, ער איז נישט ארויס, מען איז אריין אין צימער איהם זוכען און דא האט זיך ארויסגעוויזען, אז יאקובסאן איז טויט. נעבען איהם האט מען געפונען א פלע־שעל סם. צווישען זיינע איבערגעבליבענע פאפירען איז געווען א בריף צו זיין פרוי, מאריאם יאקאבסאן.

פאליציי איז אוועק זוכען די פרוי און זי נישט געפונען, אין דער זעלבער צייט אבער איז א יונגע פרוי געקומען צו א צווייטען פאליציי קאמיסאר און איבערגעגעבען, אז זי האט מיט דריי חדשים צוריק חתונה געהאט מיט איינעם זשאן יאקאב סאן, א רומענער, און זיי זענען געקומען היינט פאריז פערברענגען זייער האניגחודש. דער מאן האט ביי איהר צוגענומען איהר נדן 40 טויזענד פראנק, און זיי פערשפילט אין קארטען און איז פערשוואונ־דען.

אבער אין א טאג ארום איז צום קאמיסאר געקומען נאך א יודישע פרוי און איבערגעגעבען, אז זי האט דערהאלטען פון שפיטאל א בריף, אז איהר מאן זשאן יאקאבסאן א רומענער איז גע־שטארבען, מיט דעם מאן האט זי מיט 5 אהר צו־ריק חתונה געהאט, אבער זייט דריי יאהר לעבען זיי נישט צוזאמען. איהר מאן האט שוין לאנג געהאט פערלאזען פראנקרייך. מיט א קורצער צייט צוריק אבער האט ער זיך ווייטער בעוויזען אין פא־ריז און איז געקומען זי בעטען, אז זיי זאלען צוריק אנגעהויבען לעבען צוזאמען, ווען זי האט איהם אפ־געזאגט, האט יאקאבסאן ערקלערט, אז ער וועט בעגעהן זעלבסטמארד. און ווי מען זעהט, האט ער געהאלטען ווארט.

ווענען אלזא געבליבען צוויי געזעצליכע פרויען און ביידע האבען געבעטען, מען זאל זיי ארויסגע־בען דעם טויטען קערפער מקבר צו זיין.

אבער דא איז אנגעקומען א ברודער פונ'ם זעלבסטמערדער און מיט דער גרעסטער פערוואונ־דערונג דערוואוסט זיך, אז זיין ברודער האט שוין צוויי מאל חתונה געהאט, און ער פאדערט אויך דעם מת.

דערווייל בלייבט דער מת אין מארגא לעגאר־לען אינסטיטוט און ווארט אויף א בעשלוס פונ'ם אויסערי־ישען־סעריכטער.

פאַרוואָס שווייגט די רעגירונג?

די ביז־איצטיגע וואַהל־אַקציע איז געפיהרט געוואָרען אונטער׳ן לאָזונג פון בעגע[...]. מיר האָבען נאָר געהערט, אַז דאָס דאַרף נישט זיין, אַז יענץ פאָדערט רעפאָרם, דאַגעגען האָט מען נישט געזאָגט, ווי אַזוי דאַרפען די רעפאָרמען אויסזעהן. מ׳איז אַ לענגערע צייט אַרויסגעטרעטען געגען [...]ען, אַלס אַפּגעלעבטע זאַך, אָבער מ׳האָט פערגעסען, אַז אַ פּראָגראַם צעדרייט ציל[...] [...]זעהן דעם קאָן מען מיט מען מיט קיין מלוכה נישט אָנפיהרען.

עס איז געווען אַ צייט ווען מ׳האָט דעם ווירטשאַפטליכען קריזיס אין לאַנד געקאָנט היילען דורך צופלוס פון געלד און אויסלענדישע קרעדיטען. היינט מוז מען זאָגען, אַז אַפילו אַ בעדייטענדער אויסלענדישער קרעדיט וועט אונז נישט אויסהיילען פון ווירטשאַפטליכען קריזיס. עס וועט אונז נישט העלפען קיין קרעדיט, ווייל די פּרייזען פון אונזערע הויפּט־אַרטיקלען פאַלען. וויכטיגער פאַר קרעדיט, איז צו זיכערען אַן אָפּזאַץ פאַר׳ן עודף פון אונזער פּראָדוקציע.

די פּרייזען פון אונזערע לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען הערען נישט אויף צו פאַלען. די וואַליטיק פון אינטערווענץ פון עקספּאָרט־פּרעמיעס האָט פערפיהרט. נישט קוקענדיג אויפ׳ן פאַלען פון די פּרייזען פון די לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען, זענען די פּרייזען פון די אינדוסטרי־אויסאַרבייטונגען געבליבען כמעט דאָסועלבע.

מ׳האָט ביי אונז אונטערשטיצט די אַזוי־גערופענע פּלאַן־פּאָליטיק, מ׳האָט אַלץ געוואָלט פיהרען לויט פון אַ פון פאָראויס בעשטימטען פּלאַן, מען האָט רעגלאַמענטירט, בעגרעניצט, פערמאַכט אַרבייטס־וואַרשטאַטען, געעפענט נייע אויף די חורבות פון די אַלטע, און אין רעזולטאַט האָבען מיר אַ פּראָדוקציע־קריזיס. מ׳האָט געהייסען ראַציאָנאַליזירען די פּראָדוקציע, און נישט געזאָרגט דערפאַר, וואָס וועט זיין מיט׳ן אַרבייטער, וועלכער ווערט אַרויסגעשטויסען דורך דער ראַציאָנאַליזירונג, און דער אַרבייטער איז דאָך אַ קאָנסומענט, און דער רעזולטאַט איז, אַז די פּראָדוקציע איז געשטיגען, און דער פערברויך איז געפאַלען.

מ׳האָט פּראָפּאַגירט שפּאָרזאַמקייט, אָבער נישט אין די מלוכה־ביודזשעטען, און דער רעזולטאַט איז, אַז אין די לעצטע דריי יאָהר האָבען מיר בעצאָהלט, פּראָצענטער און פאַר אויפמאַכען די פעפילעגעבע שטייערען 128 מיליאָן זל.

אַלע ביז־איצטיגע מיטלען האָבען פערפיהרט. מיר געהען דורך אַ רעוואָלוציע פון די פּרייזען, אויף רוי־שטאָפען און לאַנד־פּראָדוקטען. צום דאַזיגען פאַלען פון די פּרייזען מוז זיך צופּאַסען אויך די עפענטליכע ווירטשאַפט, די שטייערען און א.וו. דער מלוכה־ביודזשעט קען נישט זיין אין אַגראַר־לאַנד דערזעלבער אין דער צייט, ווען אַ קאָרץ קאָרן קאָסט 17 זל. ווי אין דער צייט, ווען קאָרן האָט געקאָסט 42 זל.

אָט די אַלע פראַגען און פּראָבלעמען פאָדערען אַ בעלייכטונג, די רעגירונג, וועלכע נעהמט אַן אַקטיווען אַנטייל אין די וואַהלען, און וויל די וואַהלען געווינען. מוז קלאָר און דייטליך זיך אַרויסזאָגען, וואָס זי האָט בדעה צו טון אין דער נאָהענטסטער צייט, כדי צו לעזען דעם פּלאָנטער פון די דאָזיגע פראַגען.

מיר מאַכען נישט צו די אויגען אויף די שוועריגקייטען, וואָס זענען פערבונדען מיט׳ן לעזען פון אָט די פּראָבלעמען. אָבער נישט שוועריגקייטען רעצידירען נאָר בעהערפנישען און נויטווענדיגקייט.

די ביזאיצטיגע דעקלאַראַציעס פון דער רעגירונג קלערען נישט אויף, צי זי גייט זיך אָפּ אַ דין־וחשבון וועגען די מיטלען פון לעבען אין לאַנד און ווי אַזוי זי האָט בדעה צו רעאַליזירען די וויכטיגסטע פּאָסטולאַטען פון דעם ווירטשאַפטליכען לעבען. פון די לעצטע רעגירונגס־ערקלערונגען ביז איצט, [...] זיך, פיל געענדערט, ווייל די סיטואַציע האָט זיך פערערגערט. מ׳קאָן ערקלערען, אַז דער קריזיס פערטיפט זיך נישט, נאָר ער פערלענגערט זיך, אָבער ווער עס דרינגט אַריין אין די ווירטשאַפטליכע ערשיינונגען, דער זעהט גאָר עפּעס אַנדערש.

לגבי די אַלע פּראָבלעמען מוז די רעגירונג פאַרנעהמען אַ קלאָהרע שטעלונג. אַזוי ווי די רעגירונג איז איינער פון די קאָמפּעטענטע צדדים אין דער איצטיגער וואַהל־קאַמפּאַניע, מוז זי נעהמען אַ וואָרט און זיך אַרויסזאָגען, ווי אַזוי זי האָט בדעה צו באַלעבאַטעווען ביי די איבגאַנצען געענדערטע פערהעלטענישען און בעדינגונגען.

ד. פ. ר.

Dr. MAZUR
צוריקגעקעהרט

דער פּאָליטישער מאָמענט

די קאַווע־רעוואָלוציע אין בראַזיליע

און די ראָלע פון די פעראייניגטע שטאַטען אין די דרום־אַמעריקאַנישע אויפשטאַנדען

די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג וועלכע פערשפּרייט זיך ווי אַ פייער ביי אַ שטורעם־ווינד איבער גאַנץ דרום־אַמעריקא און וואָס האָט שוין אַרומגעכאַפּט אַרגענטינע, פּערו, טשילי, קאָלומביע, באָליוויע און עקוואַ[...], האָט אַרומגענומען — און נאָך מיט אַ שטאַרקערער קראַפט — די גרעסטע רעפּובליק אין דרום־אַמעריקא — בראַזיליע.

איבריגענס, איז דער טערמין „רעוואָלוציע" נישט אינגאַנצען צוגעפּאַסט צו די געשעהענישען, וועלכע קומען דאָרט סיסטעמאַטיש פאָר. די רעוואָלוציעס דאָרט בעגרעניצען זיך דערמיט, וואָס עס בייטען זיך די פּערזאָנען, און די קליקעס וועלכע געפינען זיך ביי דער מאַכט קיין בעזונדערע טיפערע ענדערונגען קומען נישט פאָר, און נאָך דער „רעוואָלוציע" געהט אַלץ אַזוי ווי פריהער.

די דרום־אַמעריקאַנישע רעוואָלוציאָנערע איבערקעהרענישען זענען ענליך צו די אייראָפּעאישע וואַהלען, מיט דעם אונטערשיד, וואָס דאָ דריקט די בעפעלקערונג אויס איהר ווילען דורך שטים־צעטלען, דאָרט ווערען געלאָזט אין גאַנג ביקסען און פּולעמיאָטען.

אין גרונד פון דער בראַזיליאַנישער רעוואָלוציע, ווי אין די אַלע אַנדערע דרום־אַמעריקאַנישע איבערקעהרענישען ליגען עקאָנאָמישע ערשיינונגען: קריזיס פון דער לאַנדווירטשאַפט און אַרבייטסלאָזיגקייט אַלס רעזולטאַט פון קריזיס. ספּעציעל אין בראַזיליע קומט פאָר אַ שווערער קריזיס אין דער הויפּט־פּראָדוקציע פון לאַנד — אין דער קאַווע־פּראָדוקציע; אַ חוץ דעם האָט דאָס ווירטשאַפטליכע לעבען שטאַרק דאָרט געליטען פון דער סטאַביליזאַציע פון דער וואַלוטע, פון מילרייס.

צו די דאָזיגע עקאָנאָמישע סיבות קומט נאָך צו דאָ אַ פערזענליכער קאַמף פון די בעזונדערע פּאָליטיקער און זייערע מקורבים. אין פאָריגען יאָהר זענען אין בראַזיליע פאָרגעקומען וואַהלען פון אַ פּרעזידענט און אויפ׳ן דאָזיגען פּאָסטען, וועלכער גיט אַן אויסערגעוועהנליכע מאַכט, איז געוועהלט געוואָרען דער גובערנאַטאָר פון סאַאָ פּאַולאָ כוליא פּרעסטעס (מ׳דאַרף בעמערקען, אַז בראַזיליע, וועלכע פערנעהמט אַ ריזיגען שטח, איז איינגעטיילט אין שטאַטען, אַזוי ווי צפון־אַמעריקא און דערביי האָבען די בעזונדערע שטאַטען גאַנץ גרויסע רעכט, וואָס מאַכט זיי כמעט אומאָפּהענגיג פון דער צענטראַלער רעגירונג). פּרעסטעס האָט בעקומען העכער אַ מיליאָן שטימען, בעת זיין געגנער וואַרגאַס, דער גובערנאַטאָר פון שטאַט ריאָ [...] סול האָט בעקומען בלויז 650 טויזענד שטימען. פאַר וואַרגאַס׳ן האָבען געשטימט די שטאַטען ריאָ גראַנדע דאָ סול, פּאַראַהיבאַ און מינאַס זשיראַעס, וועלכע זענען איצט דער צענטער פון אויפשטאַנד.

די אָנהענגער פון וואַרגאַס׳ן האָבען בעשולדיגט די רעגירונג אַז זי האָט געפעלשט די וואַהלען, און די דאָזיגע בעשולדיגונג איז וואַהרשיינליך געווען אמת. פּרעסטעס פערטרעט הויפּטזעכליך די אינטערעסען פון די קאַווע־פּלאַנטאַטאָרען אין שטאַט סאַאָ פּאַולאָ און זיינע געגנער האָבען מורא, אַז דערפון וועלען ליידען די קאַווע־פּלאַנטאַטאָרען פון די אַנדערע שטאַטען.

אין בראַזיליע קומט אַזוי אַרום איצט פאָר נישט אַזוי ווייט אַ רעוואָלוציע, ווי אַ בירגער־קריג צווישען די בעזונדערע שטאַטען, און מ׳האָט אַפילו מורא, אַז די בראַזיליאַנישע פעדעראַציע זאָל זיך נישט צופאַלען.

די וואַשינגטאָנער פּאָליטיקער זענען גוט אינפאָרמירט וועגען דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דרום־אַמעריקא, ווייל די שליסלען צו די דאָרטיגע בעוועגונגען ליגען מעהרסטענטיילס אין די פעראייניגטע שטאַטען.

די פעראייניגטע שטאַטען האָבען אין דרום־אַמעריקא גרויסע פינאַנציעלע אינטערעסען. זייערע פינאַנץ־אינסטיטוציעס האָבען זיך אין יאָהר 1928 אויסגעדריקט אין דער ריזיגער סומע פון 440 מיליאָן פונט שטערלינג; דאָס זענען מעהרסטענטיילס הלוואות וואָס זענען פערזיכערט מיט׳ן נאַציאָנאַלען פערמעגען פון די רעפּובליקעס און זענען געגעבען געוואָרען פאַר׳ן פּרייז פון וויכטיגע קאָנצעסיעס.

אויסבאָרגענדיג געלד, האָבען די אַמעריקאַנער גענומען אויף זיך צו ברענגען אין אָרדנונג די פינאַנצען פון דרום־אַמעריקא. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע בראָש מיט׳ן בעקאַנטען פינאַנסיסט פּראָפ. קעמערער, האָט ווירקליך אָרגאַניזירט די פינאַנצען, דעם ביודזשעט און שטייער־סיסטעם פון ב[...]יליע, טשילי, קאָלומביע, עקוואַדאָר און פּאַנאַמאַ, אַזוי, אַז די פינאַנצען פון די דאָזיגע מלוכות האָבען זיך געפונען אונטער׳ן קאָנטראָל פון די צפון־[...]קאַנישע בענק.

קיין וואונדער נישט, וואָס די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען אין דרום־אַמעריקא זענען לגמרי נישט ענטציקט פון דער דאָזיגער קאָנטראָלע און זיי נוצען אויס יעדע געלעגענהייט — אַן עקאָנאָמישער קריזיס איז זעהר דערצו געאייגענט — כדי יצו וואַרפען אין די פאָלקסמאַסען די פּאָפּולערע לאָזונגען „נידער מיט די אימפּעריאַליסטישע יענקיס", „נידער מיט דער דאָלאַר־דיפּלאָמאַטיע" אדג"ל.

דער קאַמף צווישען די פּאַרטייען אין די דרום־אַמעריקאַנישע רעפּובליקעס איז אַזוי אַרום אין אַ גרויסער מאָס אַ קאַמף צווישען די געגנער און אָנהענגער פון אַמעריקאַס איבערהאַנד איבער די מלוכות און מלוכהלעך פון דרום־אַמעריקא.

פ. ב.

1־טער יודיש־נאַציאָנאַלער היסטאָריקער

לכבוד ש. דובנאָוו׳ס זיבעציגסטען געבורטס־טאָג

דאָס וואָס מענדעלע מוכר ספרים איז פאַר דער מאָדערנער יודישער (און העברעאישער) ליטעראַטור איז שמעון דובנאָוו, וועמענס זיבעציגסטען געבורטסטאָג דאָס גאַנצע נאַציאָנאַלע יודענטום און די יודישע וויסענשאַפט וועלט פייערט איצט — פאַר דעם מאָדערנעם נאַציאָנאַל יודישען געדאַנק און פאַר דער יודישער היסטאָריאָגראַפיע.

מענדעלע מוכר ספרים דער זיידע פון דער יודישער ליטעראַטור איז אויך אַזוי צו זאָגען דער ברייטער און טיפער פונדאַמענט אויף וועלכען די גאַנצע מאָדערנע יודישע און העברעאישע שרייבער זענען אויסגעוואַקסען.

ווי אין אַ זאַפטיגען באָדען האָבען זיך אין מענדעלען איינגעוואָרצעלט און יניקה געצויגען די ווייטערע בויער און שאַפער פון דער יודישער ליטעראַטור — זיינע זיהן און אייניקלעך.

דאָס אייגענע קען געזאָגט ווערען וועגען דובנאָוו׳ן און נישט נאָר בנוגע זיינע דירעקטע נאָכפאָלגער — די יונגערע און נייערע פאָרשער פון דער יודישער געשיכטע, אויך אַלע אַנדערע יודישע שרייבער, דיכטער, פּובליציסטען און געזעלשאַפטליכע טוער פון אַלע אונזערע נאַציאָנאַלע לאַגערען זענען בעאיינפלוסט געוואָרען פון דובנאָוו׳ן.

מענדעלע מוכר ספרים איז דער ערשטער גרויסער נאַציאָנאַל יודישער דיכטער.

ש. דובנאָוו איז דער ערשטער יודיש נאַציאָנאַלער היסטאָריקער.

מענדעלע איז דער ערשטער געקומען צו די גרויסע יודישע מאַסען, צום גאַנצען יודישען פאָלק, מיט זיין ברייטען ק[...]יישען בליק.

שמעון דובנאָוו איז אַלס היסטאָריקער דער ערשטער געקומען צום גאַנצען יודישען פאָלק.

ביז איהם, האָבען די יודישע היסטאָריקער בעשעפטיגט זיך בלויז מיט די יודישע העלדען, און קדושים מיט דער מאַרטיראָלאָגיע און מיט דער מיסטעריע פון דער יודישער געשיכטע. שמעון דובנאָוו איז דער ערשטער יודישער היסטאָריקער וואָס האָט גענומען שרייבען די געשיכטע פונ׳ם גאַנצען יודישען פאָלק; ער האָט גענומען זוכען קאָנסטרואירען דעם נאַציאָנאַלען און סאָציאַל עקאָנאָמישען צושטאַנד פון די יודישע מאַסען אין פערשידענע עפּאָכען און לענדער. און אין דעם וויכטיגען פּרט, הויפּטזעכליך, איז שמעון דובנאָוו דער ערשטער יודיש־נאַציאָנאַלער היסטאָריקער.

מען ערקלערט אָפט, און מיט אַ גרויסער

פון לעא קעניג

רעכט, אַז די יודישע היסטאָריקער ביז דובנאָוו׳ן האָבען בעוואוסט אָדער אומבעוואוסט אָנגעריהרט די יודישע מאַסען, דאָס יודישע פאָלק, ווייל זיי זענען געווען אַסימילאַטאָריש געשטימט און האָבען נישט געגלויבט אַז ס׳איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי אַ יודישע נאַציע.

ס׳איז דאָ אין דעם אַ סך אמת, אָבער נישט דער גאַנצער אמת: די יודישע היסטאָריקער ביז דובנאָוו׳ן (ווי יאָסט און גרעץ) האָבען זיך בעשעפטיגט הויפּטזעכליך מיט יודישע העלדען און מאַרטירער, ווייל אין יענע צייטען האָבען היסטאָריקער בכלל זיך בעשעפטיגט סתם נישט אַזוי מיט פעלקער און מאַסען ווי מיט די פערשידענע העלדען, מלכים, פּרינצען און זייערע מלחמות און נצחונות.

ערשט אין לעצטען יאָהר[...] האָט מען בכלל אָנגעהויבען שרייבען די געשיכטע פון פעלקער און נישט בלויז פון פּרינצען און ראָמאַנטישע העלדען. מיט די מאַסען און זייערע סאָציאַלע סטרוקטור האָט זיך די געשיכטע ערשט אין די מאָדערנע צייטען אָנגעהויבען אינטערעסירען.

ש. דובנאָוו איז דער ערשטער וואָס האָט אָט דעם נייעם ראַציאָנעלען סאָציאָלאָגישען מעטאָד אָנגעווענדעט צו דער יודישער געשיכטע.

העלדען זענען נאָר ציערונגען, [...]אַמענטען פונ׳ם סאָציאַלען און נאַציאָנאַלען לעבען פון אַ פאָלק. דער עיקר איז דאָס פאָלק דער גרויסער און טיפער אונטערגרונד פון יעדער נאַציאָנאַלער געשיכטע. נישט ווייל ער איז געווען אַ נאַציאָנאַליסט איז דובנאָוו געקומען צו זיין אויפפאַסען פון דער יודישער געשיכטע, נאָר ווייל ער האָט אויפגעפאַסט אַזוי געזונד און ראַציאָנעל די יודישע געשיכטע איז ער געקומען צו זיין נאַציאָנאַליזם.

און אויך אידעאיש לויט זייערע אנשויאונגען אויפ׳ן געגענווערטיגען יודישען לעבען איז דובנאָוו שטאַרק פערוואַנדט מיט מענדעלע מוכר ספרים: ביידע זענען זיי נישט געווען קיין [...]יסטען אָבער אויך נישט קיין געגנער פון ציוניזם.

ביידע האָבען זיי ליב מיט ליב און לעבען יודיש, אָבער זענען נישט קיין יוד[...]סטען אינ׳ם היינטיגען זין פון וואָרט. מענדעלע האָט געשאַפען אויך אין העברעאיש; דובנאָוו אויך אין רוסיש און העברעאיש.

עלעמענטען פון דובנאָוו׳ס פאָלקיזם קען מען געפינען אין מענדעלען. דובנאָוו אַלס היסטאָריקער איז געוואָרען און האָט געמוזט ווערען דער סינטעטיקער פון דער יודישער געשיכטע פון דער יודישער ווירקליכקייט.

אַ היסטאָריקער קען נישט אָפּפערען מיט פאַקטען און נאָך וועניגער מיט וויכטיגע פאַקטאָרען. ער האָט נישט געקענט „פערנייגען" אינגאַנצען ווי די ציוניסטען און אחד־העם׳יסטען דעם גלות, וועלכער האָט זיך, ווי עס איז אין לויף פון טויזענדער יאָהרען אויסגעבויט אַ איינענאַרטיגע נאַציאָנאַלע סטרוקטור; ער קען אָבער אויך נישט אינגאַנצען אָפּפערען מיט פּאַלעסטינא, וועלכע האָט אויך שטענדיג געשפּילט אַזאַ וויכטיגע אידעאישע ראָלע אין גלות. ער האָט ליב העברעאיש, אָבער ס׳איז איהם נאָהענט איינגעבאַקען אין האַרצען יודיש, די שפּראַך פון די יודישע מאַסען. אָבער דערביי קוקט ער אויך ווי אויף וויכטיגע נאַציאָנאַלע ווערטען אויפ׳ן יודישען שאַפען אין די פערשידענע פרעמדע נישט נאַציאָנאַלע שפּראַכען.

דובנאָוו קוקט סינטעטיש אויף דער יודישער פערגאַנגענהייט און אויף דער יודישער געגענוואַרט.

דער נאַציאָנאַלער סינטעז איז דער רויטער פאָדעם, דער לייט־מאָטיוו פון ש. דובנאָווס לאַנגיאָהריגער און אונגעהויער פּרוכטבאַרער טעטיגקייט אַלס יודישער היסטאָריקער און יודישער פּובליציסט.

ווי אַ מאָדערנער ראַציאָנעלער דענקער האָט ער געפאָרשט און געשריבען די יודישע געשיכטע; און מיט דער אָביעקטיוויטעט פון אַ היסטאָריקער האָט ער געקוקט און פערצייכענט די געוואַלדיגע היסטאָרישע געשעהענישען פונ׳ם לעצטען האַלבען יאָהרהונדערט.

ש. דובנאָוו איז שוין לאַנג אַ קלאַסיקער אין אונזער נייער ליטעראַטור געשיכטע. ער געהערט צו די עטליכע ריזען פון אונזער נייעם שאַפען, פון דער גרויסער עפּאָכע וועלכע וועט מיט דער צייט אפשר טאַקע אָנגערופען ווערען די רענעסאַנס־עפּאָכע.

הערצל, אחד העם, מענדעלע, דובנאָוו, שלום עליכם און אַזוי ווייטער.

ווי די גרעסטע פון אונזערע נייע יודען, האָט דובנאָוו בעאיינפלוסט דעם מאָדערנעם נאַציאָנאַלען יודישען געדאַנק, די נייע יודישע דורות.

און צום גליק איז דובנאָוו נאָך צווישען אונז. ער שטעהט אויף זיין איינזאַמען עטוואָס ליכט־טורעם און בעלייכט די פערטונקעלטע און פערפּלאָנטערטע יודישע פערגאַנגענהייט, און מיט אַ ליכטיג, געטריי און אָביעקטיוו אויג פערצייכענט ער די גרויסע היסטאָרישע פּאַסירונגען פון אונזערע יאָהרען.

ווי דאַנקבאַר וועלען זיין די צוקונפטיגע היסטאָריקער, די צוקונפטיגע דורות פאַר דעם לעבעדיגען מאַטעריאַל וואָס ש. דובנאָוו לאָזט זיי איבער. לאַנג זאָל נאָך לעבען אָט דער גרויסער עדות פון אונזערע היסטאָרישע טעג און יאָהרען!

לאדז, 17 אָקטאָבער 1930

נייער פאָלקסבלאַט

לאדז, 17 אָקטאָבער 1930

יודען אדער יודענטום ? / — פון — ד״ר א. גינזבורג.

מאַכט צו מיר מיינער אַ פריינד:

„נאָט און לייענט עס“.

און אַזוי־זאָגענדיג רוקט ער מיר אַריין אין האַנד אַן׳אויסשניט פון דער ניו־יאָרקער „טיימס“.

נעהם איך און לייען, וואָס טוט מען נישט צוליב אַ פריינד?

לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז אַן׳אויסצוג פון דעם טאָג־בוך, וואָס ערווין ס. מאָנטאַגיו האָט געפיהרט, בעת ער איז געווען הער שטאַאַטס־סעקרעטאַר אין אינדיען.

ערווין ס. מאָנטאַגיו איז, דאַרפט איהר וויסען, געווען אַ יוד, — אַ מיטגליד פון דער פרומער יודיש־ענגלישער אָדער ענגליש־יודישער מאָנטאַגיו פאַמיליע. איצטער, נאָך זיין טויט, לאָזט די אַלמנה אָפדרוקען זיין טאָג־בוך, און די ניו־יאָרקער „טיימס“ האָט געקריגען אַן׳אויסצוג דערפון נאָך איידער דאָס בוך איז ערשינען.

לייען איך דורך דעם אויסצוג און גיב איהם צוריק צו מיין פריינד.

„נו“? פרעגט מיין פריינד.

„וואָס נו“? פרעג איך צוריק.

„וואָס הייסט, וואָס נו“? איז שוין מיין פריינד האַלב בייזליך, „האָט איהר געלייענט אויפמערקזאַם, וואָס ער שרייבט? האָט איהר אַלץ געלייענט“?

„יאָ“, ענטפער איך, „געלייענט אַלץ און אויפמערקזאַם“.

„און אייך אַרט עס גאָר נישט“? וואונדערט זיך מיין פריינד, „האָט איהר געלייענט ווי ער נעהמט זיך אָן די קריוודע פון די אינדיאַנער? ווי ער לאַכט אויס דעם פאַלשען אָנשטעל און דעם נאַרישען פאַלפ פון די ענגלישע בעאַמטע? ער שעהמט זיך אַפילו נישט מודה צו זיין, אַז זיינע סימפּאַטיען פאַר אינדיען און די אינדיאַנער נעהמען זיך דערפון, וואָס ער אַליין איז אַן׳אָריענטאַל“...

„נו, און איהר האַלט עס פאַר אַן׳עוולה“? רייס איך איהם איבער אין מיטען זיינע רייד.

„ניין, פערקעהרט, אדרבא ואדרבא, אָבער בעמערקט מערקט נאָר ווי אַנדערש ער ווערט, ווען ער פאַנגט אָן צו רעדען וועגען יודען. דעמאָלט איז ער אויס אָריענטאַל. ער ווערט אַן׳עכטער אַ הונדערט־פּראָצענטיגער ענגלישער „טאָרי“. ער פערגעסט אינגאַנצען, אַז ער איז אַ יוד. די „באַלפור־דעקלאַראַציע“ בעטראַכט ער פאַר אַ פערזענליכע בעליידיגונג. ער פערשטעהט נישט, ווי אַזוי די רעגירונג, די ענגלישע רעגירונג, האָט געקענט טון אַזאַ זאַך און איהם, דעם טרייען מיטגליד פון דער זעלבער רעגירונג, געבען אַזאַ אונפערדינטען פאַטש אין פנים. אַ חוץ דעם בעטראַכט ער די באַלפור־דעקלאַראַציע אַלס אַ שרעקליכען קלאַפּ פאַר די בריטישע יודען בכלל. „די רעגירונג“ בעקלאָגט ער זיך, „זוכט צו בעשאַפען אַ פאָלק, וואָס עקזיסטירט גאָרנישט“.

„אָט, אָט דאָס מיינט איהר,“ האָב איך געענטפערט. „דאָס איז קיין נייעס נישט, דאָס איז אַן׳אַלטע טעאָריע, די טעאָריע פון אַלע יודישע אַסימילאַטאָרען אין אַלע לענדער. די יודען זענען נישט קיין פאָלק. אַלס אַ פאָלק עקזיסטירען זיי שוין מעהר נישט. זיי זענען בלויז מיטגלידער פון אַ רעליגיע. עס איז דאָ אַ יודישע רעליגיע אָבער נישט קיין יודיש פאָלק. די יודען אין ענגלאַנד זענען, נאָך זיין מיינונג, נישט קיין יודען, נאָר ענגלענדער פון דעם מאָזאַאישען גלויבען. די יודען אין דייטשלאַנד זענען עכטע דייטשען, נאָר פון דעם מאָזאַאישען גלויבען, און אַזוי זענען די יודען אין פראַנקרייך, אין איטאַליען, אין פוילען און וואו נישט. זיי זענען מיטגלידער פון איין רעליגיע, אָבער נישט מעהר. פונקט ווי עס זענען דאָ פראַנצויזישע קאַטאָליקען, דייטשע קאַטאָליקען, פוילישע קאַטאָליקען און ענגלישע קאַטאָליקען און זייער קאַטאָליציזם שטערט זיי נישט צו פערבלייבען גוטע פראַנצויזען, גוטע ענגלענדער א. אַז. וו. פונקט אַזוי זענען אויך דאָ פראַנצויזישע יודען, דייטשע יודען. אָבער זיי זענען פריהער פאַר אַלץ פראַנצויזען, דייטשען א. אַז. וו. עס איז דאָ אַ יודישע רעליגיע, אַ „יודענטום“. אָבער עס איז נישטאָ קיין יודיש פאָלק“.

„הייסט עס“, רייסט מיר איבער מיין פריינד, „הייסט עס, אַז איך און איהר און די אַלע הונדערטע טויזענדע היינט־וועלטיגע יודען, וואָס האַלטען מעהר נישט פון „יודישקייט“, וואָס זענען נישט קיין גלויביגע, — הייסט עס, אַז זיי און מיר זענען נישט מעהר קיין יודען. טאָ וואָס זענען מיר יאָ? וואָס אַ שטייגער, זאָל איך טון, אַז איך פיהל זיך דאָך ווי אַ יוד און אַלץ וואָס איז נוגע יודען איז מיר נישט פרעמד, כאָטש איך בין נישט פרום? אַ חוץ דעם, לאָמיר זאָגען, אַז איך וואָלט שוין איינגעגאַנגען צו ווערען אַן׳אַמעריקאַנער, אַן׳ענגלענדער, אַ פראַנצויז און אפילו אַ פּאָליאַק, אָבער די מניעה איז נאָך נישט בלויז פון מיין זייט. דער אַנדערער צד האָט דאָך אויך אַ דעה. זיי ווילען נישט. אין זייערע אויגען זענען מיר דאָך יודען, ווי און וואָס מיר זאָלען נישט טון, אין בעסטען פאַל זענען מיר אָריענטאַלען“...

„איהר זייט אוודאי גערעכט“. ענטפער איך, „אָבער מיט דער דאָזיגער טענה דאַרפט איהר זיך ווענדען צו זיי, צו די אַסימילאַטאָרען. דער אמת איז, אַז די גאַנצע טעאָריע זייערע איז נישט מעהר ווי אַ פּשוטער שווינדעל, דער שווינדעל בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי, די דאָזיגע ענגלענדער, פראַנצויזען, דייטשען און אַזוי ווייטער פון דעם „מאָזאַאישען גלויבען“, זענען דאָך גאָר נישט רעליגיעז, זיי ווייסען אַזוי פיל און האַלטען אזוי פיל פון דעם מאָזאַאישען גלויבען וויפיל זיי ווייסען און וויפיל זיי האַלטען פון קאָנפוציוס, אָדער בודהאַ...

מיט וואָס, אַ שטייגער, זענען די אַזוי־גערופענע „ליבעראַלע יודען“ פון דייטשלאַנד אָדער די רעפאָרמירטע יודען אין אַמעריקא, — מיט וואָס זענען זיי יודען פון מאָזאַאישען גלויבען? היטען זיי דען אָפּ די תורה פון משה׳ן? היטען זיי, למשל כשר און טריף נישט לויט דעם שלחן־ערוך נאָר אַפילו לויט תורת משה? היטען זיי דען אָפּ דעם שבת? האַלטען דען זיי פון יודישע ימים־טובים, אַ חוץ וואָס זיי עסען בשר־קוויטש אום יום־כפור?

ווען אַ פאַרצייטיגער יוד, לאָמיר זאָגען פון פופציג אָדער הונדערט יאָהר צוריק וואָלט אַרויס מיט דער טענה, אַז ער איז אַ יוד לויט דער רעליגיע און וויל נישט וויסען קיין זאַך פון נאַציע, וואָלט עס נאָך געוויסערמאַסען געהאַט אַ זין. אָבער ווען די דאָזיגע ליבעראַלע און רעפאָרמירטע יודען, ווען זיי רעדען אין דעם נאָמען פון מאָזאַאישען גלויבען, איז עס, במחילה, נישט מעהר ווי אַ שווינדעל, מען זוכט זיך אַליין צו בעשווינדלען.

אַ שווינדעל און אַן׳עם־הארצישער שווינדעל דערצו. ביי יודען איז נישטאָ קיין מאָזאַאישער גלויבען. ביי יודען איז דאָ אַ „ד ת מ ש ה ו י ש ר א ל“ — דער מאָזאַאישער גלויבען ווערט מאָדיפיצירט פון „ישראל“. א ריינעם מאָזאַאישען גלויבען האָבען געהאַט די קאַראַאימען, און אויך זיי זענען געצוואונגען געווען זיך צו שאַפען אַ מין איי־גענעם תלמוד. און ווען די ליבעראַלע און די רעפאָרמירטע יודען וואָלטען באמת געווען דאָס וואָס זיי זאָגען, אַז זיי זענען — אָנהענגער פון מאָזאַאישען גלויבען — וואָלטען זיי, למשל, אום שבת געדאַרפט זיצען אין זייערע הייזער אין דער פינסטערניש, ווי דאָס זענען זיך נוהג די קאַראַאימען..

אוודאי איז אַנגענעהמער צו געהן זונטאָג אין טעמפּעל, הערען אַ כאָר פון יונגע מיידלעך זינגען פּאַטשערעס, און אַ „דרשה“ פון אַ ראַבאַי מיט א גרויסען פיסקאַטש איידער צו זיצען שבת אין דער פינסטערניש, אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט׳ן מאָזאַאישען גלויבען?

דער אמת איז, אַז ערגעץ־וואו טליעט נאָך ביי זיי אַ פונקעלע ערגעץ־וואו אין זייער הארץ קלאַפּט נאָך אַ דופק׳על, אַ נאַציאָנאַליסטישער פונקעלע און אַ נאַציאָנאַליסטישער דופק׳על, וואָס דערלאָזט זיי נישט, אַז זיי זאָלען זיך אינגאַנצען אָפּרייסען פון אונז און איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַריבערשפּרונגען דעם פאַרקאַן... אפשר פיהלען זיי, אַז דאָרטען אויף דעם אַנדערען זייט פאַרקאַן האָט מען זיי נישט גערן, אַזוי ציי אַזוי, פעהלט זיי דער מוט, אָנצורופען דעם דאָזיגען געפיהל ביי דעם ריכטיגען נאָמען, און זיי בעהאַלטען זיך אונטער דעם מאַנטעל פון אַ רעליגיע, אין וועלכער זיי האָבען שוין לאַנג צוריק אויפגעהערט צו גלויבען. זיי שפּילען זיך אין פערבלענדעניש.

דאָס איז נאָך נישט אַלץ, בעהאַלטענדיג זיך אונטער דעם מאַנטעל פון רעליגיע, מוזען זיי מאַכען דעם אָנשטעל, אַז זייער רעליגיע איז די איינציג אמת׳ע, אַז זיי האָבען אַ „מיסיע“ צו פערשפּרייטען די דאָזיגע רעליגיע צווישען די אַלע איבעריגע פעלקער. מיטאַמאָל ווערען זיי די אמת׳ע אתה־בחרתנו׳קעס...

זיי בעמערקען דערביי נישט, אַז די דאָזיגע בעהויפטונג זייערע איז אין תוך א בעליידיגונג פאַר די אַלע אַנדערש־גלויביגע, ווען איהר זאָגט, אַז איהר זייט א יוד, ווייל איהר זייט געבוירען געוואָרען אַ יוד, און ווייל איהר פיהלט און טראַכט דעריבער ווי אַ יוד, בעליידיגט איהר קיינעם נישט, ווען איהר זאָגט אָבער, אַז איהר זייט א יוד, ווייל איהר האָט דעם איינציג־אמת׳ען גלויבען און ווייל איהר האָט אַ „מיסיע“ וועט דער יעניגער, וואָס ווערט פון אייך נישט לאַכען, זיך געפינען בעליידיגט.

אַ חוץ דעם איז דער גאַנצער אָנשטעל אַן אומזיסטער, קיינער גלויבט זיי ווי סיי ווי סיי נישט. ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט מאַכט מען זיי דערמאָהנען, אַז זיי זענען יודען...

די עקספּערימענטען פון פּראָפ. פּאַוולאָוו

מיר גיבען דאָ אַ קאַפּיטעל פון אַ נייע בוך, וואָס עס האָט לעצטענס אָנגעשריבען דער דייטשער שריפטשטעלער און דראַמאַטורג ערנסט טאָלער. אין דעם דאָזיגען קאַפּיטעל דערצעהלט טאָלער וועגען די איבעראַשענדע דערגרייכונגען פון דעם גרויסען רוסישען וויסענשאַפטסמאַן פּראָפ. פּאַוולאָוו.

נייע אויפטועז אין דער פסיכאלאגיע — פון ערנסט טאָלער

פרעגט א רוסישען קאָמוניסט וועגען איוואַן פּעטראָוויטש פּאַוולאָוו — וועט ער שמייכלען, א קליינגקייט—פּאַוולאָוו! דער דאָזיגער וועלט־בערימטער געלערנטער געניסט אין רוסלאַנד די פּריווילעגיעס קען מען זאָגען פון עקסטעריטאָריאַליטעט, יעדער איינער ווייס, אַז ער איז אַ געגנער פון די קאָמוניסטען, אַז ער זאָגט זיך אָפּ אָנצורופען די סטודענטען „טאָוואַרישטשי“, ווי די מאָדע איז אין די סאָוויעטישע אוניווערזיטעטען און אַז אַנשטאָט דעם, ווענדעט ער זיך צו זיי, ספּעציעל בעטאָנענדיג די ווערטער, מיט דעם טראַדיציאָנעלען „מיינע הערען“. מ׳ווייס אויך, אַז אויף זיינע לעקציעס קריטיקירט ער אויף אַ פערדעקטען אופן דעם מאַרקסיזם. פונדעסטוועגען שטיצט די סאָוויעטישע רעגירונג, איהם און זיין אינסטיטוט מיט היבשע געלדמיטלען און העלפט איהם אַרויס אין זיינע פאָרשונגען.

— זאָל ער, — האָט אַמאָל געזאָגט לונאַטשאַרסקי — קלערען, וואָס ער וויל, אַבי מיט די רעזולטאַטען פון זיינע פאָרשונגען שטיצט ער נישט מילענדיג די מאַרקסיסטישע וויסענשאַפט.

אין וואָס בעשטעהט דאָס גרויסע פערדינסט פון איוואַן פּעטראָוויטש פּאַוולאָוו!?

ביז׳ן יאָהר 1900 זענען אַלע מעטאָדען פון שטודירען דעם מענשענס פּסיכישען פונקציעס געווען סוביעקטיוו, צווייפעלהאַפט, נישט גענוי און נישט גענוי וויסענשאַפטליך עקזאַקט. פּאַוולאָוו האָט דער ערשטער איינגעפיהרט אויף דעם געביט פון פּסיכאָלאָגיע עקספּערימענטאַלע, נאַטור־וויסענשאַפטליך געזיכערטע, עקזאַקטע פאָרשונגס־מעטאָדען — אַלערליי מעטאָדען, וואָס זענען ביז אַהער בענוצט געוואָרען נישט אין דער פּסיכאָלאָגיע, נאָר אין דער פיזיק, ביאָלאָגיע, כעמיע.

ער האָט קודם כל איינגעזעהען, אַז די מענשליכע פּסיכיק פערמאָגט צוויי־ערליי סאָרטען רעפלעקסען (אופנים פון רעאַגירען): איינגעבוירענע און בעדינגטע (ד.ה. אַ פּראָדוקט פון ערפאַהרונג). שטודירענדיג דעם מענשענס געהירן, איז ער געקומען צום אויספיהר, אַז אַלע פּסיכישע רעפלעקסען — דאָס הייסט פשוט: די גאַנצע סומע פון פּסיכישע דערשיינונגען, — שטייען אין צוזאַמענהאַנג מיט די גרויסע העמיספערען (האַלב קוגלען פונ׳ם מאַרך), וואָס געפינען זיך אין די אויבערשטע טיילען פון צענטראַלען נערוון־סיסטעם. מיט אַנדערע ווערטער ער איז געקומען צום געדאַנק, אַז אַלע פּסיכאָלאָגישע פונקציעס פונ׳ם מענשען זענען אָפּהענגיג פונ׳ם גרויסען געהירן, פונ׳ם מאַרך. פאַר פּאַוולאָוו׳ן איז דער מאַרך, דער צענטראַל־אָרגאַן אין וועלכען עס פונקציאָנירען צוועלף פערשידענע רעפלעקסען — סיי די בעדינגטע, דורך געוויסע אומשטענדען אַרויסגערופענע און סיי די איינגעבוירענע.

אָבער וואָס זענען עס אייגענטליך איינגעבוירענע און בעדינגטע רעפלעקסען? דאָס לאָזט זיך לייכט דערקלערען ווען איך בריה מיך אָן אַ פייער — גיב איך זיך אומווילקירליך א כאַפּ צוריק. דאָס איז אַ רעפלעקס אַן׳אומבעדינגטער, אַן׳איינגעבוירענער, אַן׳[illegible]טיווער.

שפּעטער ערשט, אַלס רעזולטאַט פון מיינע דערפאַהרונגען, ענטשטעהט שוין דער בעדינגטער רעפלעקס — צום ביישפּיל: ווען מיין האַנד דערנעהנטערט זיך צו אַ ברענענדיגען פייער — גיט זי זיך באַלד אָנהויב אַ כאַפּ צוריק, נישט האָבענדיג אַפילו דאָס פייער אָנגערירט.

פּאַוולאָוו נעהמט אָן, אַז עס עקזיסטירען נאָר דריי איינגעבוירענע רעפלעקסען: 1) דער רעפלעקס פון הונגער, 2) דער רעפלעקס פון געשלעכטס־דראַנג, 3) דער רעפלעקס פון שרעק (שוץ־רעפלעקס). די אַנדערע קאָמפּליצירטע רעפלעקסען פון דער מענשליכער פּסיכיק זענען שוין נישט קיין איינגעבוירענע, נאָר זיי זענען אַ רעזולטאַט פון בעדינגונגען און דערפאַהרונגען. דאָס הייסט, אַז דאָס רוב פּסיכישע דערשיינונגען פונ׳ם מענש מיט זייער גאַנצער פערשידענאַרטיגקייט און קאָמפּליצירטקייט, זענען ענטשטאַנען אויפ׳ן יסוד פון די דריי ערשט דערמאָהנטע גרונד־רעפלעקסען: הונגער, ליבע און שרעק.

אין לעניגראַדער פּאַוולאָוו־אינסטיטוט ווערען דורכגעפיהרט אויסשליסליך עקספּערימענטען איבער דעם אַזוי־גערופענעם הונגער־רעפלעקס און דאָס הערפּאַר, ווייל — לויט פּאַוולאָווס דערפאַהרונג אויף דעם געביט — איז דער דאָזיגער גרונד־רעפלעקס דער איינפאַכסטער, אַמווינציגסטען קאָמפּליצירטער און לאָזט זיך אַמבעסטען בעאָבאַכטען. דער אָביעקט פאַר די דאָזיגע עקספּערימענטען זענען געוועהנליך הינט.

ווען מיר עסען ברויט, למשל, לויפט אָן שפּייעכץ אין מויל, דאָס לויפען פונ׳ם שפּייעכץ איז אַ געבוירענער, אַ נאַטירליכער רעפלעקס.

ס׳איז אָבער גענוג מיר זאָלען זיין הונגעריג און נישט עסען, נאָר בלויז דערזעהען אַ שטיקעל ברויט, אַז די שפּייעכץ זאָל אונז אָנלויפען אין אין מויל אריין. דער דאָזיגער רעפלעקס איז שוין אַ בעדינגטער, אַ רעזולטאַט פון אַ סך פריהערדיגע איינגעבוירענע רעפלעקסען פון זעלבען מין און דער אָרט פון זיין פונקציע געפינט זיך שוין אינ׳ם מאַרך, אין די האַלב־קוגלען פונ׳ם געהירן.

אַזוי אַרום ווערט אַ פּסיכישע פונקציע אויסגערופען דורכ׳ן בלויזען אָנבליק פון אַ שטיקעל ברויט.

אָדער אַזאַ עקספּערימענט: מ׳דערלאַנגט א הונד שפּייז און אין דערזעלבער צייט לאָזט מען הערען אַ געוויסען זשמורענדיגען קלאַנג. ביסלעכווייז געוואוינט זיך דער הונד צו פערבינדען די דאָזיגע צוויי גאַנץ פערשידענאַרטיגע דערשיינונגען: דעם קלאַנג און די דערלאַנגטע שפּייז. דער רעזולטאַט דערפון איז, אַז אין אַ געוויסער צייט אַרום לאָזט זיך בעמערקען ביים הונד אַ הונגער־געפיהל אָדער הונגער־רעפלעקס אויך דאַן, ווען עס ווערט בלויז געהערט דער בעטרעפענדער קלאַנג און קיין שפּייז ווערט גאָרנישט דערלאַנגט...

אין אַן׳אַנדער עקספּערימענט פערטרעט דער אָרט פונ׳ם קלאַנג — אַ לאָמפּ. די שפּייז ווערט דעם הונד דערלאַנגט, דערביי ווערט אָנגעצונדען אַן עלעקטרישע לאָמפּ, אין אַ צייט אַרום בעמערקט זיך, אַז דער הונגער־רעפלעקס (אין דעם פאַל — שפּייעכץ) בעווייזט זיך, ווי נאָר די לאָמפּ ווערט אָנגעצונדען, כאָטש קיין שפּייז ווערט דעם הונד נישט געגעבען.

די עקספּערימענטען האָבען, אַגב, בעוויזען אַז די אונטערשיידונגס־קראַפט פון אַ הונד איז א סך גרעסער, ווי די אונטערשיידונגס־קראַפט ביי אַ מענש, א הונד, למשל, קאָן אונטערשיידען דעם אַכטעל פון אַ טאָן. עקספּערימענטען האָבען דאָס בעוויזען, אַ מענש איז עס נישט בכוח אין אַלגעמיין. רופט אַ שטאַרקע רייצונג אַרויס אַ שטאַרקען רעפלעקס, א שוואַכע רייצונג — אַ שוואַכען רעפלעקס. אַן׳אויסנאַהם זענען נעוראַסטעניקער און היסטעריקער. ביי זיי קאָן אפט געשעהן, אַז אַ שוואַכע רייצונג זאָל אַרויסרופען אַ שטאַרקען רעפלעקס און פערקעהרט.

אויך ווערטער רופען אַרויס — ווי פּאַוולאָוו האָט אויפגעוויזען — בעדינגטע רעפלעקסען, שטאַרקע ווערטער — שטאַרקע רעפלעקסען, שוואַכע ווערטער — שוואַכערע, למשל: א בלויזע וואָרט־רייצונג קאָן אַרויסרופען אַ געשלעכטליכען רעפלעקס, צום ביישפּיל — ביי אַ וויץ פון עראָטישען כאַראַקטער.

די ענגע פערבינדונג פון די רעפלעקסען מיט דעם מאַרך, ווייזט אויף פּאַוולאָוו דורך וויוויסעקציע. ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז פערשידענע טיילען פון דעם געהירן רעאַגירען אויף רייצען פון קלאַנג, גערויש און פאַרבען, בעזייטיגט מען אויף אַ כירורגישען אופן דעם געהירן־טייל וואָס רעאַגירט אויף די פאַרבען־רייצען ווערט ביי א הונט, למשל, איבער וועלכען אַזאַ אָפּעראַציע ווערט דורכגעפיהרט, אינגאַנצען פערשוואונדען דער הונגער־רעפלעקס, וואָס פלעגט ביי איהם אַרויסטרעטען, ווען מ׳פלעגט איהם ווייזען אַ בעשטימטע פאַרב, מ׳קאָן דעם אָפּערירטען הונד ווייזען די דאָזיגע פאַרב איין מאָל און צוויי מאָל און צעהן מאָל — דער הונגער רעפלעקס איז פערשוואונדען, די פאַרב ווירקט נישט, וואָרום דער טייל געהירן, וואָס רעאַגירט אויף פאַרבען, איז אויסגעשניטען געוואָרען.

מ׳דאַרף אָננעהמען, אַז פּאַוולאָווס פאָרשונגען האָבען אַ דעצידירענדיגע בעדייטונג פאַר דעם פילאָזאָף און נישט נאָר פאַר איהם, נאָר אויך פאַר דעם פּעדאַגאָג, פאַר דעם פּאָליטיקער, דעם ריכטער, דעם קינסטלער. ווער עס טראַכט זיך אַריין אין פּאַוולאָו׳ס עקספּערימענטען, דער הויבט אָן צו פערשטעהן א סך דערשיינונגען פון מענשליכער פּסיכיק, פון מענשליכען לעבען.

פּאַוולאָווס לעהרע וועגען בעדינגטע און אומבעדינגטע רעפלעקסען קאָן בעזונדערס דינען אַלס יסוד פאַר אַ נייער דורכאויס רעפאָרמירטער פּעדאַגאָגיק, וואָס זאָל אויף אַן׳אַנדער אופן, ווי ביז איצט זיך בעמיהען אַריינצודרינגען אין דער פּסיכיק פונ׳ם קינד.

די רייכע יודען פון בבל האבען געשיקט געלד אין ירושלים,

אבער קומען וואוינען אין ארץ-ישראל האבען זיי נישט געוואלט

(נאטיצען)

פון דר. ז. קדיש

עס זענען דא איצט א סך רייכע יודען, וועלכע גיבען געלד אויף ארץ ישראל, אבער וואוינען ווילען זיי אין די לענדער, וואו זיי געפינען זיך. די אייגענע זאך איז אויך געווען אמאל, נאכ'ן גלות בבל, ווען די פערסישע וועלט-אימפעריע האט ערלויבט יודען זיך אומצוקעהרען אין זייער אלטער היים און דארטען אויפבויען א נייעם בית-המקדש.

איך וויל דא דערצעהלען פון א נייעם קאפיטעל יודישע געשיכטע, וואס מען האט אין די לעצטע צייטען אויסגעגראבען אין די פערשאטענע חורבות פון מעסאפאטאמיע. עס איז א נייע שטיק געשיכטע פון דעם יודישען גלות, פון דער יודישער צושפרייטונג איבער דער וועלט, פון וועלכער מען האט ביז איצט נישט געוואוסט.

* * *

וויפיל יודען עס האבען זיך אומגעקעהרט צוריק פון בבל קיין יהודה, אין דער צייט פון דער פערסישער הערשאפט איבער פאדער-אזיען, קען מען גענוי נישט וויסען. אבער אויף יעדען פאל איז עס זיכער, אז די צאהל פון די יודען, וועלכע זענען געבליבען אין דער נייער היים, איז געווען גרעסער ווי די צאהל פון די, וועלכע זענען געגאנגען זיך בעזעצען צוריק אין דער אלטער היים.

ווי איז עס געגאנגען די יודען אין בבל אין יענער צייט, נאכ'ן גלות, ווען זרובבל האט געבויט דעם צווייטען בית-המקדש, און נאך שפעטער, ווען עזרא און נחמיה האבען אויפגעבויט א נייע ירושלים און א נייע יודישע מדינה אין יהודה?

אין תנ"ך ווערט דערפון נישט דערצעהלט. דער מחבר פון עזרא-נחמיה איז געווען פראאינטערעסירט נאר אין ירושלים און דעם בית-המקדש, און ער האט דערצעהלט בלויז די געשיכטע, ווי אזוי עס איז אונטער דער פערסישער הערשאפט אויפגעבויט געווארען די נייע יודישע געמיינדע אין דער פראווינץ יהודה. אבער ווי אזוי עס האבען זיך יודען דעמאלט געלעבט אין דער ברייטער וועלט — אין דעם האט ער קיין אינטערעס נישט געהאט.

מיר הערען אבער אין תנ"ך, ווי זיבעציג יאהר נאכדעם ווי דער צווייטער בית-המקדש איז שוין אויפגעבויט געווארען, קומט נחמיה פון שושן, די פערסישע הויפטשטאט, בויען דעם מויער ארום ירושלים, מיר הערען אויך, ווי עזרא קומט פון בבל מיט א קאראוואן פרומע יודען, איינפיהרען א נייע ארדנונג אין דער יודישער געמיינדע פון יהודה. געווען, אלזא, דעמאלט א רייכער יודישער לעבען אין די לענדער, וואס ליגען אין מזרח-זייט פון ארץ-ישראל. א נישט וואלטען דאך דארט נישט געקאנט אויפוואקסען אזעלכע יודען ווי עזרא און נחמיה און זייערע חברים.

אויך פריהער שוין, אין זרובבל'ס צייטען, הערען מיר אין תנ"ך אן אפקלאנג פון דעם יודישען לעבען אין בבל. מיר הערען דארט אינדירעקט, ווי די יודען אין בבל געהט גוט (מאטעריעל) און זיי שיקען א סך גאלד און זילבער, א מתנה פאר דעם בית-המקדש, וואס מען האט דאמאלט געהאלטען אין בויען.

דאס שטעהט אין זעקסטען קאפיטעל פון זכריה. עס ווערט דארטען דערצעהלט, אז ס'איז געקומען אין ירושלים א דעלעגאציע פון די יודען אין בבל מיט גאלד און זילבער. געווען, זעהט מען דערפון, א סך רייכע יודען דעמאלט אין בבל, און ווען זיי האבען געהערט, אז מען בויט דעם בית-המקדש אין ירושלים, האבען זיי גלייך געשיקט א דעלעגאציע מיט א סך גאלד און זילבער צו העלפען אויסבויען אדער אויספוצען דעם נייעם בית-המקדש. זכריה זאגט דארטען אויך נביאות, אז א סך אנדערע ווייטע יודען וועלען אויך קומען העלפען בויען גאט'ס פאלאץ. געווען, אלזא, דעמאלט אין די ווייטע לענדער א סך יודען, וועלכע האבען געפיהרט א יודישען לעבען און פון וועלכע די יודען אין ירושלים האבען דערווארט הילף און שטיצע פאר דעם בית-המקדש.

מיר הערען דא, אלזא, אינדירעקט פון די יודען אין בבל. דירעקט, אבער, ווערט פון זיי קיין זאך נישט דערצעהלט אין תנ"ך.

דירעקטע ידיעות פון דעם דעמאלסדיגען יודישען לעבען אין בבל האט מען ערשט אויסגעגראבען אין די חורבות פון ניפור, אן'אור-אלטע שטאט אין דרום פון באבילאניען.

* * *

אין יולי פון יאהר 1897 האט אן'ארכעאלאגישע עקספעדיציע פון דער „יוניווערסיטי אוו פענסילווייניא" פון פילאדעלפיא ענטדעקט א קאמער אין די פערשאטענע חורבות פון ניפור, וואו עס זענען געלעגען איבער זיבען הונדערט ליימענע טאוולען, בעשריבען אויף באבילאניש, מיט פלעקלען-שריפט (כתב-היתדות). נאך א גרינגער ליכער אונטערזוכונג האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס איז אן'ארכיוו פון א פאמיליע פון יודישע באנקירען אין ניפור, וועלכע האבען געהייסען „די זיהן פון מוראשו" און האבען דארטען געפיהרט גרויסע געשעפטען אן'ערך אין דער צייט פון עזרא און נחמיה.

מען האט דארטען, אלזא, אויסגעגראבען די האנדעלס-דאקומענטען פון יודישע באנקירען און מעקלער אין יענער צייט, און מיר וויסען פון זיי א היבש ביסעל, ווי אזוי עס האבען זיך יודען געלעבט דעמאלט אין בבל אונטער דער פערסישער הערשאפט. אגב וויסען מיר אויך פון די דאזיגע טאוולען, פארוואס די רייכע יודען פון בבל האבען געשיקט געלד אין ירושלים, אבער אליין האבען זיי זיך נישט געוואלט בעזעצען אין ארץ-ישראל.

[illegible] מיר וויסען פון די דאזיגע דאקומענטען פון ניפור, אז די עקאנאמישע לאגע פון די יודען אין בבל איז אין יענער צייט געווען זעהר א גוטע. זיי האבען דארטען פערמאגט לאנד און קאפיטאל און האבען גענומען א פולען אנטייל אין דעם [illegible] לאנד. א סך יודען זענען געווען אנגעשטעלטע ביי באבילאנער און פערסער, פאר וועמען זיי האבען געפיהרט געשעפטען. געווען אויך יודישע בעאמטע ביי דער רעגירונג. עס ווערט נעמליך דערמאנט אין די מוראשו-דאקומענטען א יוד מיט'ן נאמען „חנני, דער זוהן פון מנחם", וועלכער ווערט בעצייכענט אלס „דער וואס איז איבער דעם קעניג'ס פויגלען" (דער קעניג, וועלכער קומט דא אין בעטראכט, איז דריוש דער צווייטער, וועלכער רעגירט אין די לעצטע יאהרען פון פינפטען יאהר-הונדערט פאר דער קריסטליכער צייט-רעכנונג, א פאר צעהנדליג יאהר נאכדעם ווי נחמיה האט אויפגעבויט דעם מויער ארום ירושלים.) נחמיה איז, אלזא, נישט געווען דעמאלט דער איינציגער יודישער בעאמטער ביי דער פערסישער רעגירונג. געווען חוץ איהם אויך אנדערע יודען, וועלכע האבען פערנומען וויכטיגע שטעלעס אין דער מלוכה.

אין פראפעסיע איז געווען אין בבל, אין וועלכער יודען זענען נישט געווען פערטראטען. דאס איז די פראפעסיע פון דעם שרייבער, אבער נישט בלויז יודען, און אנדערע נישט באבילאנער געפינען זיך נישט אין דער שרייבער פראפעסיע. די נעמען פון אלע שרייבער, וואס מען טרעפט אין די דאקומענטען פון ניפור, זענען עכט-באבילאניש. דער גרונד דערפון איז אפנים געווען, וואס דער באבילאנער האט בעסער געקענט די באבילאנישע שפראך און איז געווען מעהר געניט אין שרייבען מיט דער שווערער און פערפלאנטערטער פלעקעלען-שריפט.

קיין פאליטישע וואגט האט יעדענפאלס נישט עקזיסטירט אין בבל אין יענער צייט צווישען באבילאנער און נישט באבילאנער. לויט ווי עס ווייזען די מוראשו-טאוולען פון ניפור, האבען באבילאנער פערסער און יודען דארטען געלעבט פרידליך צוזאמען. עס האבען דעמאלט געלעבט אין בבל אויך נאך אנדערע נאציאנאליטעטען, ווי: אראמעער, מעדער, איגיפטער און נאך אנדערע. אבער עס זעהט אויס, אז נאך די באבילאנער און די פערסער זענען יודען געווען דער בעדייטענדסטער עלעמענט אין דער גאנצער בעפעלקערונג פון דעם לאנד.

* * *

ווי שוין געזאגט, איז די שפראך און די שריפט פון די מוראשו-טאוולען באבילאניש. א סך פון די טאוולען אבער האבען אויך אונטען ביים סוף א קורצע אויפשריפט אויף אראמיש. אין מאנכע פאלען גיט די אראמישע אויפשריפט דעם נאמען פון איין אדער דעם אנדערען צד פון דעם געשריבענעם קאנטראקט. אין אנדערע פאלען אבער גיט די אראמישע אויפשריפט א קיצור פון דעם אינהאלט פונ'ם דאקומענט. מ'זעהט דערפון אז די שפראך, וואס די פאמיליע מוראשו האט גערעדט, איז געווען אראמיש, אבער דער מנהג פונ'ם לאנד האט געפאדערט, אז געזעצליכע דאקומענטען זאלען זיין געשריבען אין דער באבילאנישער שפראך און שריפט, ווארים באבילאניש איז נאך געווען די ליטעראַרישע שפראך פון דעם לאנד ביז אראפ אין דריטען יאהר-הונדערט (פאר דער קריסטליכער צייט-רעכנונג).

מ'זעהט, אלזא, דערפון, אז אראמיש איז אין דער פערסישער צייט געווען די גערעדטע שפראך פון די יודען אין בבל. אראמיש איז אויך געווען דאמאלסט די מלוכה-שפראך, פון דער פערסישער אימפעריע; די שפראך, אויף וועלכער די פערסישע רעגירונג האט ארויסגעגעבען אלע איהרע דעקרעטען אין די מערב'דיגע פראווינצען. מעג מען דערפון ארויסדרינגען, אז אויך די מוטער-שפראך פון עזרא און נחמיה איז געווען אראמיש?

* * *

עס ווייזט אויס. אז די צאהל פון די יודען אין בבל איז אין פערלויף פון דער צייט געוואקסען און פיל גרעסערער געווארען. הגם א סך יודען האבען זיך אומגעקעהרט צוריק אין ארץ-ישראל. די געלעהרטע דרינגען עס ארויס פון דעם, וואס אין פיר טויזענד קאנטראקט-טאוולען, וואס מ'האט אויסגעגראבען אין די חורבות פון דער שטאט בבל פון נבוכדנאצר'ס צייט ביז דער צייט פון דריוש דעם ערשטען, ווען דער צווייטער בית-המקדש איז אויפגעבויט געווארען, — וואס אין אט די אלע טאוולען געפינט מען זעהר ווייניג יודישע נעמען. פערקעהרט אבער זענען דא אין די טאוולען פון ניפור, וועלכע שטאמען פון א ביסעל א שפעטערער צייט, פון דער צייט פון עזרא און נחמיה, א גאנצע מאסע יודישע נעמען.

אט דער פאקט קאן ערקלערט ווערען אויף צוויי אופנים: מ'קען זאגען, אז דער יודישער ישוב אין באבילאניען איז געווען קאנצענטרירט נישט אין און ארום דער הויפטשטאט, בבל, וואו מ'האט געפונען די נאר-וואס דערמאנטע פיר טויזענט קאנטראקט-טאוולען, נאר אין דרום-באבילאניען, בעזונדערס אין דער שטאט ניפור. מאנכע געלעהרטע האלטען אבער, אז דאס האט צו טון נישט מיט דעם ארט, מיט דער געגענט, נאר מיט דער צייט, פון וועלכער די טאוולען שטאמען. זיי האלטען, אז שפעטער האבען די יודען זיך מעהר איינגעלעבט אין די באבילאניען, זענען אלץ מעהר און מעהר אריינגעדרונגען אין דעם געזעלשאפטליכען און קאמערציעלען לעבען פון דעם לאנד און דעריבער האט זיך דארטען שטארק צעוואקסען דער יודישער ישוב.

אויף יעדען פאל ווארפען די מוראשו-טאוולען א ניי ליכט אויף דעם יודישען לעבען אין בבל נאך דעם גלות, ווען די פערסער זענען געווארען די וועלט-הערשער. זיי ווייזען אונז, אז יודען זענען דארטען געווען אונטער דער פערסישער הערשאפט פרייע בירגער אין א פרייען לאנד און האבען געהאט אלע מעגליכקייטען צו וואקסען עקאנאמיש און געזעלשאפטליך. דאס ערקלערט אונז אויך, פארוואס זיי זענען געבליבען אין זייער נייער היים און האבען זיך נישט בענוצט מיט דער ערלויבניש פון דער פערסישער מלוכה זיך אומצוקעהרען צוריק אין ארץ-ישראל.

פאר זיי, די יודען אין בבל און פרס, איז ירושלים געווען נישט מעהר ווי גאט'ס הייליגע שטאט. זיי האבען דערפאר געשענקט א סך מתנות, א סך גאלד און זילבער צו בעשיינען גאט'ס הויז. זיי האבען אויך געוואלט, אז אין דער יודישער געמיינדע פון יהודה זאל הערשען דיזעלביגע פרומקייט, דיזעלביגע שטרענגע אפהיטונג פון שבת און די שטרענגע רעליגיעזע אפגעזונדערטקייט פון די גוים, ווי ביי זיי, אין די גלות-לענדער. אבער אין די נאציאנאלע שטרעבונגען פון די ארץ-ישראל'דיגע יודען, צו ווערען א פריי פאלק אין דעם אייגענעם לאנד, האבען זיי, די יודען פון בבל און פרס, קיין אינטערעס נישט געהאט, דעריבער טאקע, ווייזט אויס, האט די פערסישע רעגירונג געגעבען די גלות-יודען די פולע מאכט צו טון אין ארץ-ישראל וואס זיי ווילען.

* * *

צום שלוס נאך א פאר ווערטער וועגען דעם יודישען ישוב אין ניפור.

ניפור איז געלעגען נעבען דעם גרויסען קאנאל קאבאר (דער „נהר כבר" פון יחזקאל). דער יודישער ישוב האט זיך דארטען אנגעהויבען שפעטסטענס אין יחזקאל'ס צייט, ווען נבוכדנצר האט פערטריבען די ערשטע יודען קיין בבל. עס קען אבער גרייליך זיין, אז דארטען זענען שוין פון פריהער געווען יודען. די אויסגראבונגען האבען אויך געוויזען, אז עס זענען געווען יודען אין ניפור ביז אין נייבטען יאהר-הונדערט (נאך דער קריסטליכער צייט-רעכנונג). געווען, אלזא, אין ניפור א יודישע בעפעלקערונג און א יודישער לעבען ווייניגסטענס פופצעהן הונדערט יאהר.

„פדיון שבוים" / חסידים אין טבריה דערציילען

אין דער צייט ווען אין טבריא האט געוואוינט דער גרויסער צדיק רבי יעקב שמשון פון שעפעטיווקע (א. שטעטעל אין וואלינער קאנט, חסידים האבען איהם גערופען: דער שעפיטיווקער רב) האט איבער טבריא געוועלטיגט דער פאשא פון עכו, וועלכער איז געווען א שרעקליכער רשע און שונא ישראל.

די יודען אין טבריא האט ער אנגעטון די גרעסטע צרות, פאר דער מינדעסטער קלייניגקייט האט ער זיך געהייסען געבען שוחד, אויסזוכענדיג חטאים און יעדען טאג ארויסגעגעבען נייע גזירות, אז דאס לעבען פון די יודען איז געווען אונערטרעגליך.

דערביי האט ער פון צייט צו צייט ארויפגעלייגט אויף דער יודישער קהלה אין טבריא א געוויסען מס, וועלכען די קהלה האט געמוזט צאהלען און אויב נישט האט זיי געדראהט דאס גרעסטע געפאהר.

די יודען אין טבריה האבען געשמאכטעט אונטער דעם שווערען יאך פון דעם אכזריות'דיגען פאשא, וועלכער האט לויט דעם טערקישען געזעץ געקענט טון מיט די יודען, וואס ער האט נאר געוואלט און קיינער האט איהם נישט געשטערט, ער איז געווען אזא אליינהערשער.

איינמאל האט דער דאזיגער רשע ארויפגעלייגט אויף דער קהלה אין טבריא א גאר גרויסען מס, און געמאכט א טערמין, אז אויב דער מס וועט ביז דעם טאג נישט ווערען איינגעצאהלט וועט ער אלע יודען ארויסטרייבען פון טבריה.

די סומע וואס דער פאשא האט אויף דער קהלה ארויפגעלייגט איז דאס מאל געווען אזוי גרויס, אז ס'איז גארנישט מעגליך געווען, אז די טבריא'ער קהלה זאל דאס קענען [illegible].

די יודען זענען געווען זעהר פערזארגט, נישט געוואוסט וואס צו טון און פון וואנען צו נעהמען די דאזיגע גרויסע סומע, האט דער צדיק ר' יעקב שמשון אויף זיך גענומען, אז ער וועט ארויספאהרען אין אנדערע שטעט אריין כדי צו זאמלען געלד אויף „פדיון שבוים".

איז רבי שמשון אנגעקומען קיין טוניס פרייטאג פארנאכט און ער האט געלאזט בעקאנט מאכען, אין שטאט, אז אלע יודען מענער, פרויען און קינדער זאלען מארגען, שבת ביי טאג, קומען אין שול אריין הערען זיין דרשה.

דער שעפעטיווקער רב איז, ווי בעוואוסט, געווען אויך א גרויסער גאון און חריף, און א בעריהמטער דרשן, וועגען זיינע אויסערגעוועהנליכע שארפזיניגע דרשות ווערט דערצעהלט פשוט וואונדער, האט ער טאקע אין דער שוהל געהאלטען א דרשה פון וועלכער אלע צוהערער זענען פשוט ערשטוינט געווארען, אבער אין מיטען דער דרשה האט ער אנגעהויבען שרעקליך צו וויינען און געזאגט:

— טייערע ברידער, איך בין נישט אהערגעקומען גלאט זאגען א דרשה, נאר כ'האב אייך געוואלט מודיע זיין וועגען א גרויס אונגליק, וואס הענגט אויף דער יודישער קהלה אין טבריא, וועלכע ס'וועט חלילה אויסקומען חרוב צו ווערען, אויב מיר וועלען נישט האבען צום בעשטימטען טערמין די נויטיגע סומעס, און איהר מוזט אונז העלפען מיט א געוויסע סומע געלד, ווייל די צייט איז קורץ, אז איך זאל קענען פאהרען אין אנדערע שטעט.

האט דער גאנצער עולם אויסגעבראכען אין א געוויין און זיי האבען איהם געענטפערט: אונזער קהלה איז אליין זעהר ארים און ביי אונזער בעסטען ווילען קענען מיר אייך נישט העלפען מיט אזא סומע, וואס איז אייך נויטיג. אבער ביי אונז געפינט זיך איינער פון די ל"ו צדיקים, א פערבארגענער זעהר גרויסער צדיק, ווענדט זיך צו איהם, מעגליך ער וועט אייך געבען אן'עצה.

דערביי האבען זיי צוגעגעבען, אז מארגען, זונטאג באלד אינדערפריה זאל ער אפווארטען אין גאס, וועט ער זעהען ווי א מענש געהט פערביי שנעל, בארוויס מיט א שטריק ארומגעבונדען, זאל ער איהם פערהאלטען און נישט אפלאזען ביז ער וועט איהם געבען זיין עצה.

זונטאג באלד אינדערפריה האט רבי יעקב שמשון אפגעווארט אויף דעם אנגעוויזענעם ארט, און ווען ער האט געזעהען אדורכלויפען א מענש, אין וועלכען ער האט פערשטאנען, אז ס'איז דער געהיימער צדיק, האט ער איהם אנגעכאפט און געזאגט:

— איך האב צו דיר א זעהר וויכטיגען ענין אין נאמען פון דער יודישער קהלה אין טבריא, דו מוזט מיך אויסהערען.

האט דער יוד זיך פון איהם געריסען און געזאגט:

— איך בין א פשוטער מענש, איך קען דיר גארנישט העלפען.

האט דער רב צו איהם געזאגט:

— איך בין אויף דיר גוזר מיט'ן כח פון דער תורה און פון ארץ ישראל, אז דו זאלסט זיך פאר מיר מגלה זיין און העלפען אן'עדת יודען.

דער נסתר האט נאך געפרובט זיך ארויסצודרעהען, אבער ווען רבי יעקב שמשון האט איהם נישט געוואלט אפלאזען האט ער צו איהם געזאגט:

— האלט זיך פעסט אין מיין גארטעל און זאלסט זיך פאר קיין שום זאך נישט דערשרעקען!

רבי שמשון האט זיך פעסט געהאלטען אין דעם נסתר'ס גארטעל, באלד האט ער דערפיהלט אזוי, ווי זיי וואלטען געפלויגען, ער האט אנגעשטרענגט אלע זיינע כוחות צוגעהאלטען די אויגען, און ווען ער האט נאך עטליכע מינוט געעפענט די אויגען, האט רבי יעקב שמשון געזעהען, אז זיי געפינען זיך אין מירון ביים קבר פון רבי שמעון בן יוחאי.

דער רב האט זיך זעהר דערשראקען, ווייל דאס איז געווען זעהר א ווייטער וועג פון טוניס, אבער דער נסתר האט צו איהם געזאגט:

— דא מוזטו מיך לאזען אליין, איך וועל אריינגעהן איבווייניג אין דער מערה און דו זאלסט ווארטען ביז איך וועל זיך אומקערען.

דער נסתר איז אריינגעגאנגען אין דער מערה פון רשב"י, וואו ער האט געווייל א פאר מינוט, דאן איז ער ארויס און געזאגט צו ר' יעקב שמשון:

— געה אהיים, די גזירה איז בטל געווארען, דער פאשא איז געשטארבען מיט א מיתה-משונה.

דער נסתר האט אונטער'ן ארעם געהאלטען א „זוהר" און ער האט ערקלערט:

— ווען איך פערשטעה נישט עפעס אן'ענין אין „זוהר" קום איך אהער צו ר' שמעון בן יוחאי, אז ער זאל מיר דאס ערקלערען. איצט האב איך איהם געזאגט, אז א יוד פון טבריא ווארט אין דרויסען וועגען דער זאך, האט ער געזאגט:

— יהא רעוא, אז דער פאשא זאל שטארבען מיט א מיתה משונה און די גזירה זאל בטל ווערען.

ווידער האט רבי יעקב שמשון זיך אנגעהאלטען אין זיין גארטעל און נאך עטליכע מינוט זענען זיי געווען אין טוניס.

אהיימקומענדיג קיין טבריא האט די שטאט געקאכט פון דעם נייעס, אז דער פאשא איז פלוצלינג געשטארבען.

אשר בן ישראל יפה.

(רשומות)

דער טערמאָמעטער פון ליבע

(נאָכ'ן פראַנצויזישען)

פון ג. פאלאר.

מיין פריינט האָט מיר געזאָגט:

— איך האָב אַמאָל געלייענט ביי אַ קלוגען שרייבער אַ זעהר קלוג וואָרט, וואָס איך קאָן עס קיינמאָל נישט פערגעסען. „דאָס בעסטע מיטעל, — האָט דער שרייבער געשריבען, — צו מעסטען דעם גראַד פון אַ פרוי'ס ליבע, פּונקט אַזוי ווי מען מעסט די היץ פון קערפּער, איז צו זעהען, וואָס פאַר אַ מינע זי מאַכט, וואָס זי זאָגט, און ווי זי האַלט זיך, ווען דער מאַן פערפלעקט נישט־ווילענדיג, צעקנייטשט, אָדער מאַכט ווי יעס־איז אַנדערש קאַליע איהר בעסט קלייד", — עס איז זעהר א קלוג וואָרט. וועסט עס באַלד זעהן און פערשטעהן.

און מיין פריינט האָט דערצעהלט:

„מיט מיין ערשטער פרוי, דו ווייסט, האָב איך געלעבט נישט מעהר ווי צוויי יאָהר. די ערשטע זעקס חדשים נאָך דער חתונה בין איך געווען ביי איהר אַ גאָט. דערנאָך האָט די ליבע גענומען זינקען... זי איז שנעל געוואָרען צו מיר גלייכגילטיג, קאַלט, אַפילו פיינטליך —

„געוועהנליך בין איך זעהר אויסגעהיט, ווען עס קומט מיר אויס ארומצוגעהען אַרום אַן אויסגעפּוצטער דאַמע אין א דין, דורכזיכטיג קלייד, וואָס פערמאָגט אַ סך שפּיצען, פאַלדען, העקעלעך, שפּילקעס, און ווייס איך דאָרט וואָס נאָך.... עס איז פון די גרינגסטע זאַכען צו צעקנייטשען, פערפלעקען, דורכברענען מיט אַ פּאַפּיראָס א לעכעל אָדער אַפילו איינגאַנצען צערייסען אַזאַ קלייד, ווען מען פערגעסט צו זיין פאָרזיכטיג. דאָך האָב איך אין די צוויי יאָהר צוויי מאָל געזינדיגט געגען מיין ווייב'ס טואַלעט... איין פאַל איז געווען אַ לייכטער, דער אַנדערער אַ שווערער. ביידע פאַלען צוזאַמען זענען זאָבער געווען גענוג מיך צו איבערצייגען, אַז קיין שום טערמאָמעטער אַרבייט נישט אַזוי גענוי, אַזוי פּינקטליך און זיכער, ווי דער טערמאָמעטער פון אַ פרוי'ס ליבע, וואָס דער שרייבער, — איך געדענק ליידער מעהר נישט זיין נאָמען, — האָט אַזוי שאַרף אויפגעכאַפּט.

„עס איז געווען, געדענק איך, איז אַן אָוונט, אין מיטען ווינטער. מיין ווייבעל האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אויסגעפּוצט צום שפּאַציר, מיר האָבען געזאָלט געהען צוערשט אין טעאַטער, דערנאָך אויף אַ באַל. זי האָט געטראָגען א שעהן, ניי קלייד, מיט א טיפע דעקאָלטע. זי האָט קוים דערלעבט צו זעהען דאָס קלייד פאַרטיג צום טראָגען: דאָס לויפען נאָכאַנאַנד צו דער מאָדיסטקע, דאָס פּלאָנעווען, דאָס נאָכקלערען איבער דעם פאַסאָן. — צוויי וואָכען האָט דאָס קלייד אויסגעפילט איינגאַנצען איהר יונג, לייכטזיניג לעבען. און יענעם אָוונט האָט זי עס געהאַט אָנגעטאָן צום ערשטען מאָל.

„עס איז אונז ביידען גוט געווען אויפ'ן האַרצען, האָבען מיר פון דער הוילער הויט גענומען זיך שפּילען אין כאַפּערלעך: זי איז פון מיר אַנטלאָפען און איך האָב זיך געיאָגט נאָך איהר פון איין צימער אין צווייטען... ווען איך האָב זי, ענדליך, געכאַפּט, האָב איך זי א נעם געטון אין מיינע אָרעמס, האָב זי אויפגעהויבען און געוואָלט אוועקטראָגען אונטער א [illegible] פון קושען... ערשט מיטאַמאָל — ד־ז־ז!... דאָס נייע זיידענע קלייד האָט זיך פערטשעפּעט אָן דעם הענגטעל פון טיר. דאָס האַרץ איז מיר איינגעפאַלען: אויס קלייד!... דער חלום פון צוויי וואָכען איז צורונען: אַ געוואַלד־ריס פון דער טאַליע ביז אַרונטער!.... „אָדער זי וועט קריגען א האַרצשלאַג, אָדער זי וועט מיך דערשיסען!" — איז מיר דורכגעלאָפען אין קאָפּ. איך האָב נישט געטראָפען. זי האָט גאָר געטון עפּעס אַזוינס, וואָס איך וואָלט קיינמאָל אויף איהר נישט געגלויבט: זי איז מיר אַרויפגעפאַלען אויפ'ן האַלז און האָט מיך געטרייסט! „נעם עס נישט אַזוי טראַגיש, — האָט זי מיר געזאָגט, — עס איז גאָרנישט אַזוי שלעכט. פערקעהרט: איצט וועלען מיר נישט געהן אין טעאַטער, נישט אויפ'ן באַל, און מיר וועלען פערברענגען צוזאַמען אַן אַנגענעהמען, שטילען אָוונט!" זי האָט זיך אוועקגעזעצט ביי מיר אויף די קניע, האָט אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף מיין אַקסעל און — נו, יאָ, די ליבע האָט דעמאָלט געהאַלטען גאָר הויך, אוודאי אַ הונדערט גראַד, אויב נישט נאָך מעהר...

„אין אַ יאָהר אַרום, זענען מיר איינמאָל, אין אַן אָוונט, געזעסען ביידע אין א רעסטאָראַן. זי האָט מיר אויסגעזעהן מיד, האָט זיך געלאַנגווײלט און געשטיקט אין זיך יעדע ווילע אַ נייעם געגיץ; איך, פון מיין זייט, בין געווען נישט בעסער אויפגעלייגט פון איהר; איהר געזעלשאַפט האָט מיך געדריקט, עס האָט מיך, אָפען גערעדט, געצויגען צו א נייעם פּנים, צו אַ נייער ליבע... אַן אָרקעסטער האָט געשפּילט, פּאָרלעך האָבען געטאַנצט. מיר זענען ביידע געזעסען אין אונזער ווינקעל און האָבען געטרונקען טיי. איך האָב גערויכערט. אַ פונק פון מיין פּאַפּיראָס האָט אוודאי געמוזט, ווען איך האָב זיך א ווילע פערטראַכט, אַרויספאַלען אויף מיין פרוי'ס מאַנטעל, ווייל זי האָט מיר מיטאַמאָל אַנגעוויזען אויף א קליין אויסגעבּרענט לעכעלע. עס איז געווען נישט גרעסער פון א שפּילקע־קעפּעל, מען האָט עס קוים געקאָנט אָנזעהן. דערצו איז דער מאַנטעל שוין לאַנג נישט געווען ניי, זי פלעגט איהם טראָגען בלויז אין אַ שלעכטען וועטער, די גאַנצע זאַך איז געווען אַזאַ קלייניגקייט, אַז איך האָב אָן דעם גלייך פערגעסען.

„ווען מיר זענען שוין שפּעטער געזעסען אין אַ טאַקסיבקע, פאָהרענדיג אַהיים, האָט מיין פרוי'ס פּנים זיך אָנגעכמורעט אַזוי ווי דער הימעל אין דרויסען, וואָס איז געווען אָנגעלאָדען מיט שניי־כמאַרעס.

— „וואָלסט געמעגט כ'ילעבען, זיין אַביסעל מעהר פאָרזיכטיג מיט דיינע פּאַפּיראָסען, — האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט שלעכט־בעהאַלטענעם כעס, — האָסט מיר שיער נישט פערברענט דעם גאַנצען מאַנטעל. רעכענסט אפשר, אַז איך קאָן זיך פערגינען יעדען טאָג אַ נייעם מאַנטעל? וואו זענען דיינע אויגען?

„איך האָב זי אויסגעהערט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, ווי א שולדיגער און געשוויגען. דאָס האָט אַביסעל ווייכער געמאַכט איהר האַרץ. זי האָט באַלד צוגעגעבען שוין אָן כעס, מיט א מילדערען טאָן: „מילא, די גאַנצע זאַך איז גאָרנישט אַזוי וויכטיג. מיר'ן זעהען, צי קאָן מען עס נישט פערריכטען". איך האָב אַלץ געשוויגען. „נו, נו, — האָט זי ווייטער געזאָגט און אַריינגענומען מיין האַנט אין איהרע, — לאָמיר וועגען דעם מעהר נישט רעדען. די ליבע איז גרייט אַלץ צו פערגעבען".

„די ליבע! און איך, דער נאַר, האָב נאָך דערמאָלט געגלויבט אין איהר ליבע. אין דער אמת'ן איז עס געווען נישט מעהר ווי מיטלייד. עס איז העכסטענס אפשר געווען א 50—40 גראַד ליבע. פון דער פיבער־היץ איז שוין יעדענפאַלס לאַנג נישט געבליבען קיין סימן. די „היץ־כוואַליע", אַזוי צו זאָגען, פון אונזער ליבע איז געווען פערביי. אַלץ איז זענעם אָוונט, געווען צווישען אונז לעבליך, אָפּגעקילט...

„אין עטליכע וואָכען נאָכדעם האָבען זיך מיר מיטאַמאָל געעפענט די אויגען: איך האָב מיטאַמאָל איינגעזעהען, ווי שנעל, ווי האַסטיג עס קען שטייגען אין א פרוי'ס טעמפּעראַטור פון ליבע, — און איך האָב דערפון זעהר פיל אָפּגעלערנט... עס איז געקומען צו מיר מיינער א פריינד, וואָס איך האָב איהם שוין יאָהרענלאַנג נישט געזעהען. איך האָב איהם בעקענט מיט מיין פרוי. ער איז באַלד געוואָרען ביי אונז אַן אָפטער אריינגעהער.

„איינמאָל, ווען מיין פריינד האָט ביי מיר אין צימער, אויף מיין שרייב־טיש, געזוכט עפּעס אַ בוך, האָט פּאַסירט אַן אומגליקליכער צופאַל: ער האָט איבערגעקעהרט דעם טינטער מיט טינט, און די שוואַרצע פליסיגקייט האָט פון טיש זיך אַרונטערגעגאָסען גלייך אין שויס אַריין פון מיין פרוי'ס ווייס־זיידענער קלייד. איך בין געבליבען אַזוי ווי פערשטיינערט. באַלד, האָב איך געטראַכט, וועט דאָ פּאַרקומען עפּעס אַזוינס. אָבער... אַזוי ווי פאַראַיאָהרען, ווען איך האָב געהאַט אומגעריסען צוריסען איהר ניי קלייד, האָב איך אויך דאָס מאָל נישט געטראָפען. אַזוי ווי מיין פריינד איז געשטאַנען מיט אַן אָפּען מויל און נישט געוואוסט וואָס צו זאָגען, איז מיין פרוי צו איהם צוגעגאַנגען מיט אַ ברייטען, פריינדליכען שמייכעל, האָט אַרויפגעלייגט איהר האַנט אויף זיין אַקסעל און געזאָגט: „אָ, עס איז אַ קלייניגקייט, זאָל עס אייך גאָרנישט אַרגערן! איך בין, אייגענטליך, גאָר צופרידען, וואָס דאָס האָט פּאַסירט. איך האָב שוין לאַנג געוואָלט איבערפאַרבען דאָס קלייד אויף שוואַרץ. גלויבט איהר נישט, אַז אַ שוואַרץ קלייד אַזאַ וועט אויסזעהען א סך שעהנער?"

„ווען זי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, האָב איך דערזעהען אין געדאַנק, ווי דאָס קוועקזילבער אין דעם טערמאָמעטער פון מיין פרוי'ס ליבע האָט געגעבען אויף אַמאָל אַ שפּרונג אַרויף ביז צו די הונדערט גראַד... ליידער איז די היץ, וואָס האָט געשאַפען דעם וואונדער, שוין מעהר נישט געקומען פון מיר און אויך מעהר נישט געגאַנגען צו מיר.

„יאָ, מיין פריינד, קיין שום טערמאָמעטער אין דער וועלט אַרבייט נישט אַזוי גענוי, אַזוי פּינקטליך און זיכער, ווי דער דאָזיגער טערמאָמעטער פון ליבע. ווילסטו וויסען אויף זיכער, וואו דו האַלטסט מיט א פרוי'ס ליבע, פערפלעק, צוקנייטש, צורייס אָדער פערפאַרב איהר'ס אַ קלייד... וועסט קריגען פון איהר דערפאַר קאַלטס אָדער וואַרעמס... לויט דעם נידעריגען אָדער העכערען גראַד פון איהר ליבע"...

דאָס לעבען פון א יודישער אקטריסע

דערצעהלט פון דער בעריהמטער שוישפּילערין עמיליע אַדלער

געשריבען ספּעציעל פאַר'ן נייעם פאָלקסבלאַט פון זלמן זילבערצווייג.

קוים האָט זי געעפענט דאָס מויל אָדער גענומען „עקטען" (שפּילען) האָט מען נישט געקאָנט דערקענען, אַז דאָס שפּילט אַ קינד. מען האָט זיך פערגעסען און געגלויבט, אַז דאָס איז אַ פולקאָמענער מאַן. אזא חן האָט דאָס קינד געהאַט. בעקי פרענק האָט איך געשפּילט גבריאל אין „כינקע פינקע". די אַקטיאָרען פלעגען שטעהן הינטער די קוליסען און אָנקוקען איהר שפּילען. ווען זי האָט גענומען זינגען: „אזוי ווי א־י־מיר", פלעגען מיר זיך פונאַנדערוויינען. אַזוי האָט זי גערירט אפילו אַקטיאָרען. היינט וועגען פּובּליקום איז דאָך שוין אָפּגערעדט!

שכירות האָבען מיר בעקומען פּינקטליך. אין דיזען סעזאָן האָב איך אויך געהאַט מיין ערשטען בענעפיס אין אַמעריקע, וואָס איז אַראָפּ מיט אַ שענעם סוקסעס. געשפּילט האָט מען עפּעס אַ צייט־פּיעסע, וואָס אַנשעל שאָר האָט אַנגעשריבען, די פּיעסע גופא האָט געהייסען „רעוואָלוציע". אָדער אין איהר האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, געדענק איך נישט גענוי. וואָס איך געדענק יאָ איז, אַז מיין ראָל האָט געפאָדערט, מען זאָל מיך שלעפּען פאַר די האָר, מען האָט מיך מערדערליך געשלאָגען אַז איך האָב געמאַכט געוואַלדען. מענשען זענען אַרויף צו מיר אין שטוב (ד. ה. אויף דער ביהנע) מיט העק, מיט וועלכע זיי האָבען זיך געוואָרפען אויף מיר און האָב, פערשטעהט זיך, געמאַכט נאָך גרעסערע געוואַלדען.

צוליב דעם, וואָס די ניו־יאָרקער יודישע אַקטיאָרען־יוניאָן (לאָקאַל 1) האָט נישט דערלאָזט די פּראָווינץ־אַקטיאָרען שפּילען אין ניו־יאָרק, האָבען די פּראָווינצער אַקטיאָרען אַנגענומען דאָס זעלבע געגען־מיטעל. מיר, ד.ה. די אַקטיאָרען פון פילאַדעלפיע, טשיקאַגאָ און באָסטאָן, וואָס האָבען דעמאָלט פאָרגעשטעלט מיט זיך כמעט די גאַנצע פּראָווינץ, האָבען געגרינדעט אַן אייגענע יוניאָן (לאָקאַל 2) און נישט דערלאָזט די ניו־יאָרקער (אַחוץ די גאַסטראָלירענדע סטאַרס) צו שפּילען אין דער פּראָווינץ.

אין דער גרינדונג פון דער נייער יוניאָן, וואָס איז פאָרגעקומען אין פילאַדעלפיע, האָבען יוליוס און איך גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל.

זומער־צייט, ווען מען האָט נישט געשפּילט אין פילאַדעלפיע, האָב איך, נאַטירליך, פערבראַכט אין ניו־יאָרק און דאָ איז מיר אויסגעקומען צו שליסען בעקאַנטשאַפט מיט גאָרדין'ען. אָבער די בעקאַנטשאַפט איז געווען נאָר אַן אַנ'אינטימע. איך האָב איהם געקענט, ער מיך — נישט.

ביז איך בין געקומען אין אַמעריקע האָב איך, פערשטעהט זיך, נישט געהערט פון גאָרדין'ען. אָבער דאָ אין אַמעריקע, ווי כ'האָב שוין פריהער דערמאָהנט, איז מיר אויסגעקומען צו שפּילען אין גאָרדין'ס פּיעסען, וואָס זענען פאַר מיר געווען אַ קוואַל פון [illegible] קולטור אין פערהעלטניש צום פריהערדיגען רעפּערטואַר, וואָס איך האָב געשפּילט טאָג איין טאָג אויס.

אָבער צוגעהן צו גאָרדין'ען און זיך מיט איהם באַקענען, האָב איך נישט געהאַט קיין מוט.

שפּעטער בין איך אַהינגעפאָהרען קיין אייראָפּע מיט'ן גאָרדין־רעפּערטואַר און ערשט דאָרט דערפיהלט, וואָס גאָרדין איז פאַר אונז יודישע אַקטיאָרען. ערשט אין זיינע פּיעסען האָב איך, ווי א סך אַנדערע יודישע אַקטיאָרען, בעקומען די מעגליכקייט צו שפּילען „אַ מענש" מיט אַ נאַטירליכער שפּראַך, מיט אַ האַנדלונג, מיט א לאָגיק, מיט ווערטער, וואָס האָבען זיך געקלעפּט איינס צום אַנדערען און וואָס זענען געווען פערשטענדליך, ער האָט אין מיר, ווי אין גרעסטען טייל פון די דעמאָלטיגע עלטערע און יונגע יודישע אַקטיאָרען, אַריינגעבלאָזען פונקען פון לעבען, פון אויפפרישונג, און איצט, האָב איך, נאָך מעהר פון פריהער, איהם געוואָלט באַקענען. אָבער ווען איך בין ווידער צוריקגעקומען קיין אַמעריקע און דאָ אויף טריט און שריט דערפיהלט די בליקען, מיט וועלכע מען האָט שוין דעמאָלט געקוקט אויף אייראָפּעאישע אַקטיאָרען, איבערהויפּט אויף אַזעלכע, וואָס שפּילען גאָרדינען און דערלויבען זיך צו פערקערפּערן דיזעלבע טיפּען, וואָס די [illegible] געקרוינטע סטאַרס, האָב איך פערלוירען דעם מוט זיך צו בעקענען מיט גאָרדין'ען.

אַלס כאַראַקטעריסטיק פאַר דער בעציהונג פון די אַמעריקאַנער יודישע אַקטיאָרען צו זייערע אייראָפּעאישע קאָלעגען, וויל איך דאָ דערצעהלען פאָלגענדער עפּיזאָד:

אין דער צייט, וואָס מיר האָבען געשפּילט אין פילאַדעלפער אַרטש סטריט־טעאַטער, האָבען אין אַ געוויסען סעזאָן אין אַ צווייט טעאַטער אין פילאַדעלפיע („אַמעריקען טעאַטער") געשפּילט יעקב פּ. אַדלער מיט זיין פרוי סאַראַ און אַ טרופּע.

איינמאָל, בעת איך בין געקומען מיט אַ בעזוך הינטער די קוליסען צו ליואַ וויליבערט, וועלכע האָט יענעם סעזאָן געשפּילט אין „אַמעריקען טעאַטער", האָט מיר סאַראַ אַדלער בעמערקט און געפרעגט ליואַ'ן ווער איך בין.

זי האָט איהר דערויף געענטפערט:

— דאָס איז מרס. אַדלער פון יוראָפּ, וואָס זי האָט געמאַכט אַזאַ סוקסעס (גרויסען ערפאָלג) אין גאָרדין'ס פּיעסען.

אַנשטאָט מיר צו געבען די האַנט און בעגריסען, איז סאַראַ אַדלער אַרויס אויף די הויכע טענער:

— אַט דאָס איז די אַדלער, וואָס פאָהרט אַרום אין יוראָפּ אויף מיין נאָמען, מיט אונזערע פּיעסען פאָהרען אַרום און בלאָפען אויף אונזער נאָמען. אַזאַ אומפערשעהמטקייט, אַזאַ פאַסקודסטוואַ! שוין אַרויס פון דאַנען!

וויפיל ליוואַ האָט איהר געפּרובט פערזאָגען, אַז איך הייס אַדלער און כ'בלאָף נישט קיינעם, האָט גאָרנישט געהאָלפען.

ביי אַזאַ שטימונג איז אַלזאָ קיין וואונדער נישט, וואָס איך האָב נישט געהאַט די דרייסטקייט צוצוגעהן צו גאָרדינ'ען און זיך פאָרשטעלען פאַר איהם און מיט איהם שמועסען.

אָבער זעהן פלעג איך איהם אָפט ווינטער־צייט, ער פלעגט יעדען פאַרנאַכט צוקומען צו [illegible] קאַפעהויז, דעם אַמאָליגען „קאַפע ראָיאַל". איך האָב איהם קיינמאָל נישט געזעהען זיצען איינזאַם אין קאַפע, נאָר ער פלעגט שטאַלץ, ממש גאונהיג, דורכשפּאַצירען און מיט זיינע סאַראַקע־אויגען קוקען, און אויף ביידע זייטען. דערנאָך פלעגט ער זיך אַוועקשטעלען אין דרויסען און, אַנגעשפּאַרט אויפ'ן שטעקען פלעגט ער אָדער אַליין, אָדער מיט איינעם פון די שרייבער אָדער אַקטיאָרען, שטעהן און שמועסען.

דיזאָזיגע „בעקאַנטשאַפט" האָט מיך נאָך אַלץ אָבער נישט בערוהיגט און איך האָב נאָך אַלץ געהאַפט מיט איהם פערזענליך זיך צו בעקענען און איהם טאַקע שילדערען ווי אַזוי מיר האָבען געשפּילט און ווי אַזוי מען האָט אויפגענומען זיינע פּיעסען אין אייראָפּע. אָבער איידער איך האָב מיך דערצו אונטערגעאַרבעט, איז גאָרדין קראַנק געוואָרען און איך האָב איהם אַ לעבעדיגען שוין מעהר נישט געזעהען.

איינמאָל, ווען מיר, אַ גרופּע אַקטיאָרען זענען, ווי געוועהנליך זומער־צייט, געזעסען ביי אַ קערטעל, האָט מען אונז אָנגעזאָגט, אַז גאָרדין איז אין גסיסה־צושטאַנד. מיר האָבען איבערגעריסען דעם קאַרטען־שפּיל און זענען שנעל אַוועק צו איהם אין הויז. דאָ האָב איך גראָד אָנגעטראָפען ווי מען האָט אַראָפּגעטראָגען זיין נאָר וואָס אָפּגעשטאָרבענעם קערפּער פון זיין שלאַף־צימער אין זיין זאַל, וואָס איז געווען מיט אַ שטאַק נידריגער.

דאָרטען איז דער טויטער קערפּער געווען אויסגעשטעלט פאַרן פאָלק, וואָס איז געקומען אין די טויזענדער אָפּגעבען דעם לעצטען כבוד זיין בעליבטען דראַמאַטורג.

צו דער לויה איז געקומען אַ ריזיגער עולם, פון וועלכען אַ גרויסער טייל איז אויך אַרויסגעגאַנגען ביז אויפ'ן בית־עולם. עס איז געווען זעהר אַ שעהנער וועטער און דאָס האָט אויך מיטגעהאָלפען צו דער גרויסער צאָהל בעגלייטער. אָבער אין מאָמענט, וואָס מען האָט אַראָפּגעלאָזט דעם מת אין קבר, האָט זיך פון הימעל אַראָפּגעלאָזט אַ שרעקליכער גאָס־רעגען, ממש אַ וואָלקען־בּרוך. עס האָט אויסגעזעהן ווי דער הימעל וואָלט זיך פונאַנדערגעוויינט איבער'ן גרויסען בראָך, וואָס איז געשעהען דער יודישער ביהנע מיט'ן טויט פון איינעם פון איהרע גרעסטען שאַפער.

דער עולם איז זיך אין אַ מהומה־צושטאַנד פונאַנדערגעלאָפען. איך בין געוואָרען אין דורכגענעצט אין מיין זומערדיג קלייד, אַז איך האָב מיך געמוזט אַרומדעקען מיט פּאַפּיר כדי צו פערדעקען מיין קערפּער, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרצט דורכ'ן אויסגעווייקטען קלייד.

גאָרדין איז געווען טויט, אָבער זיין רעפּערטואַר איז נאָך אין אַמעריקע און בעזונדערס אין אייראָפּע, געווען זעהר לעבעדיג, ביי פרייש.

ווען עס האָט אונז, מיך און מיין מאַן, ווידער גענומען ציהען קיין יוראָפּ וואו מיר האָבען געהאַט אַזוי פיל כבוד און אַזעלכע ראָלען.

יאָ, אַפילו די באַנקעטען האָבען אויך געצויגען און מיר זענען ווידער אַוועק קיין פּוילען־

(המשך פאָלגט).

הערן = שניידער = מייסטער
ר. ראָזענשטיין,
11, ליסטאָפּאַד 29, טעל. 176=80
טיילט מיט דער געעהרטער קונדשאַפט, דאָס צום ווינטער־סעזאָן ווערט די אַרבייט אויסגעפיהרט לויט דעם לעצטען סטיל פון דער מאָדע.
די מאָדערנסטע פּעלצען אויף לאַגער־זעהר פּרייזווירדיג.

דער קונדס

הומאָר — צוזאַמענגעשטעלט — רעד. א. שאַרפּצינגעל — סאַטירע

וואָד פּאָליטיק

נו, איצט וועט מען זיך אַ נעהם-טון צו דער פּאָליטיק.

אָפּגעפּטרט די ימים-טובים, אַזעלכע שווערע ימים טובים וועט מען האָבען אַ פרייען קאָפּ צו פּאָליטיק. מען קאָן דאָך נישט לאָזען אַ וועלט אָהן פּאָליטיק!

עס גערט אַזאַ לאַנגער שווערער ווינטער און אויב מען זאָל נישט מאַכען פּאָליטיק, טאָ וועגען וואָס וועלען יודען האָבען צו שמועסען אין די לאַנגע ווינטער-נעכט?

אַ טייערע ערפינדונג די פּאָליטיק. דער, וועלכער האָט אויסגעקלערט די פּאָליטיק, האָט געמוזט זיין א קלוגער קאָפּ, גאָר אַ וואַזשנער קאָפּ.

דער „קונדס" איז ענטציקט פון זיין ערפינדונג.

ערב וואַהלען.

זאָגט רבותי, וואָס איהר ווילט,
וואָס איז דאָ צו ריידען —
עס איז איצט משיח'ס צייט,
ממש אַ גן-עדן...

וועלכע רשעות, וואו איז שלעכטס —
אַלעס איז פערפלויגען.
אומעטום נאָר אַדעל-לייט —
גוטסקייט אויסגעצויגען.

אָט איז ער, דער כלל-טוער,
ווי פּוטערדיג, ווי איידעל —
האָניג פון זיין צונג עס טריפט —
ווייך — אַ מצה-קניידעל.

אָט איז ער, דער לאַווניקעל,
ווי לאַנג — „קיין צייט", „פערנומען".
און איצט אַזאַ מין פריינדליכקייט —
האָניג אויפ'ן גומען.

יאָ, דער פּרעזעס, דאָס איז ער,
וועלפישע געפּיהלען,
איצט איז ער א מלאכל,
אַ קינד קאָן מיט איהם שפּילען.

ווי פריינדליך נעהמט דיך אויף אצינד
אַ „וויצע" פון דער קהילה;
ווי פּוטערדיג עס ענטפערט דיר
אַ ראַטמאַן אויך אַפילו.

יאָ, ס'איז איצט משיח'ס צייטען
די רשעות איז געפאַלען,
וויל עס איז די ליבינקע
צייט פון „ערב-וואַהלען".

די ערב-וואַהלען-צייט,
די ליכטיגע, די ריינע,
אפשר וואָלט אונז גאָט בעשערט
אַ פּופּצעהן יאָהר אַזוינע.

ס'וואָלטען דאַן די כלל-טוער
אפשר הויך געשטיגען,
אַז מען וואָלט זאָגאַר ביי זיי
אַ גמילות חסד קריגען...

שמערעלע.

איבעראַשונג

מאַניע, וועלכע האָפט צו הייראַטען מאָריק'ן שרייבט צו איהרע עלטערען: „איך האָף, אַז איך וועל אייך בקרוב איבעראַשען מיט פריידיג, לע-בעדיג געשעהעניש.

פאַר וואָס נישט?

קינד: מאַמע, פאַרוואָס בענוצט דו דעם פּו-דער און די פאַרב נאָר צום געזיכט?
מוטער: עס זאָל מיך שעהנער מאַכען.
קינד: טאָ פאַרוואָס טוסטו דאָס נישט?

נאָך דער חתונה

יונגע פרוי: פאַר וואָס, מיין זיסער, העננגען דיר אַזוי שטאַרק אַראָפּ די הויזען?
מאַן: ווייל די קנעפּלעך, מיין שאַץ, זענען אָפּ-געריסען.

אפנעזאָגט פון קרובה'שאַפט

— איהנס ברודער קומט נישט מעהר צו איהן?
— ער קומט נישט מעהר, איך האָב מיך אַפּגע-זאָגט פון זיין קרובהשאַפט.

אַמבעסטען

לעהרער: ווער קען מיר זאָגען, וועלכעס בע-שעפעניש דינט אַמבעסטען אויף נאַהרונג.
שילער: דער האָן. איהם קען מען עסען אויך נאָך זיין טויט.

א פּרעכטיגער הוט

מאַן: איך האָב היינט געזעהען אין שויפענ-סטער אַ פּרעכטיגען הוט.
פרוי: טו איהם אָן, כדי איך זאָל זעהן ווי ער קליידט דיר.

ער וועט זיך פרעהען

מוטער: וויסט, בענעלע, נעכטען ביינאַכט איז אַ ניי שוועסטערל אָנגעקומען.
יונגעל: מען דאַרף עס זאָגען דעם טאַטען, ער וועט זיך פרעהען, ווען איך האָב אַהיימגעבראַכט אַ ניי הינטעלע, האָט ער זיך אויך געפרעהט.

נאָר אלעמען

(נאָך סלאַנגען)

אַוועק די יום-טוב'דיגע טעג —
אַוועק פון אונז שפּאַצירען.
איצט דאַרף מען וואָכעדיגען שטאַט
שוין אָנהויבען צו פיהרען...

אָקאָרשט „טרומייטערט" און „געבויט"
די סוכות-צעלטען אייגען...
איצט איז געקומען שוין די צייט —
מען דאַרף עס אַלץ צולייגען!

אָקאָרשט געפרייט זיך וואַשנע גאָר,
פערטריבען ווייט דעם טרויער —
איצט ווידער קומט דער שווערער חול
פערזאָרגט, פערדאגהט' זויער...

ער קומט מיט צרות און מיט שלעק
מיט פעק פון עגמת נפש —
נו, דאַרף מען טראַכטען שוין אַצינד
צו ראַטעווען דאָס נפש...

מען דאַרף א כוח אָנטון זיך
און קרעפטען מוז מען קלייבען,
ווייל זאָגען-זינגען מוז מען דאָך,
און אַלץ מען דאַרף בעשרייבען...

אוועק פון אונז דער יום-טוב שוין,
שוין נאָכ'ן שופר-שאַלען...
איצט קומט אַ נייער יום-טוב אָן,
להבדיל... ס'קומען וואַהלען!

יאָקעל בן פּרעקעל.



די בלאָקען-שוואַמען.

דער הונט

ה' לעמעל איז רייך און איז אַ ליבהאָבער פון הינט, ווען ער זעהט א הונט, וויל ער איהם האָבען פאַר זיך.

איינמאָל איז לעמעל געפאָהרען קיין אויס-לאַנד און זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קליין שטעטעל פון דער שווייץ. אַ פּאַסטוך האָט דאָרט געפּאַשעט זיינע שאָף, און נעבען איהם האָט זיך געשפּילט אַ שעהנער גרויסער הונט.

— א שעהנער הונט, — זאָגט ה' לעמעל, צום פּאַסטוך — ווילט איהר איהם מיר פער-קויפען?

— וויפיל וועט איהר מיר געבען?

— פופציג דאָלאַר — ענטפערט לעמעל.

— איהר זענט פון אַמעריקאַ? — פרעגט דער פּאַסטוך.

— יאָ פון ניו-יאָרק — ענטפערט לעמעל.

דער פּאַסטוך, האָט אַביסעל נאָכגעטראַכט און דאַן ערקלערט: — ניין, ווען דער הער איז פון אמעריקא, קען איך דעם הונט נישט פערקויפען, דער הונט איז מיין פרנסה-געבער.

— איהר קריגט הונדערט דאָלאַר.

— ניין.

— צוויי הונדערט דאָלאַר.

— ניין.

— דריי הונדערט דאָלאַר.

— ניין. דער הונט איז מיין גרעסטער פער-מעגען.

— אָבער איך גיב דאָך אייך אַזאַ גרויסע סומע? — וואונדערט זיך לעמעל — קיינער וועט אייך אַזוי פיל געלד נישט געבען. פאַרוואָס ווילט איהר נישט נעהמען?

— ווייל איהר זענט פון אַמעריקאַ.

— טאָ וואָס אַרט אייך, אַז איך בין פון אַ-מעריקאַ?

— צו אַנ'אַמעריקאַנער טאָר איך איהם נישט פערקויפען. איך האָב שוין הונדערט מאָל דעם הונט פערקויפט פאַר בלויז פינף דאָלאַר. און ער קומט צו מיר אימער צוריק. העכסטענס נעהמט עס איהם פיר טעג, אָבער, קיין אַמעריקא פערקויף איך איהם נישט. אפשר וועט ער דעם אטלאַנטיק נישט קענען איבערשווימען, און איך וועל בלייבען אָהן אַ הונט, קיין אַמעריקא פערקויף איך דעם הונט נישט פאַר קיין געלד.

די מלאכה פון פּייפען און אנפּייפען

וואו מען גייט און וואו מען שטייט, איז אָדער מען פּייפט, אָדער מען רעדט וועגען פּייפען. ווען איך בין אַ פּאָעט, אַ דיכטער, פּייף איך אָן אַ גאַנצע פּאָעמע אין ווייסע צי אין... ראָזעווע פּערזען.

די קליענטען פּייפען אָן די סוחרימלעך, די סוחרימלעך די פאַבריקלעך, די פאַבריקלעך ווידער די פאַבריקען און די פאַבריקען די בענק.

און די בענק, זיי פּייפען אויך אָן, נאָך אַ מין פּייפען, זיי פּייפען אָן די קליענטען זייערע.

וואָס דאַרפסט איהר מעהר, אַפילו די קולטור זי פּייפט אונז אויך היינט אָן.

אַז מען שמועסט עס איז א וועלט פון פּייפערס, איז דאָך נישט שייך.

דער מאַן פּייפט אָן דאָס ווייב מיט פאַלשע תירוצים ווען ער קומט אַהיים שפּעט, דאָס ווייב פּייפט אָן דעם מאַן ווען ער קומט אַהיים צו ...ריה.

אויף פּייפען שטייט די וועלט.

פּייפען איז אַ ספּאָרט, אַ ספּאָרט וואָס דאָס פאָלק האָט זיך געלערנט פון זיינע פיהרער און קאָפּ-מענשען, אַז מען פּייפט אין פּאַרלאַמענט, אין שטאָט-ראַט.

הכלל, לעבען זאָל דאָס פּייפעכץ, און אָנפּיי-פעכץ, ווייל ווי זאָגט איהר, אין דער צייט ווען מען קען נישט און מען טאָר נישט ריידען, איז פּייפען אויך אַ מלאָכה. עס איז נאָר צו בעדויערען וואָס פאַר די מלאכה פון פּייפען און אָנפּייען דאָס פאָלק, צאָהלט מען פּאָליטיקער דעפּוטאַטען און רע-גירונגס-מענשען און נישט קיין פּראָסטע בשר ודם. דער פּראָסטער חי וקים פּייפט נעבעך אומזיסט, איז דאָס נישט דערפאַר, ווייל באמת פּייפען און אָנ-פּייפען קענען נאָר די גרויסע מענשען, די קאַר-פען-קעפּ.

אויסגעזאָגט פון חדר

מוטער: פאַרוואָס ביזטו אַזוי שלעכט צו אונ-זער דינסטמיידעל. דו האָסט זי נישט ליב?

קינד: איך קען זי נישט ליידען: איך וואָלט זי אויך געוואָלט קנייפען אין די באַקען ווי דער טאַטע טוט.

די ריכטיגע אורזאַך

מיידעל: הער דאָקטאָר, מיר ברענט תמיד דאָס פּנים, וואָס זאָל איך טון?

דאָקטאָר: זעהט, אַז אייער געליבטער זאָל זיך אָפּט ראַזירען.

וואָס אַ פוסבאָליסט זאָרגט

טשעכישע פוטבאָליסטען האָבען אַמאָל אין לאָדז ביי דער לעצטער אָלימפּיאַדע אין מאָנטע-ווידעא, נאָכדעם ווי די טשעכען האָבען פערשפּילט. זעהט מען אַרומדרעהען זיך איינעם אַ טשעכישען פוטבאָליסט פערטרויערט און פערזאָרגט, האָט מען געמיינט אַז דער מענש זאָרגט זיך, וואָס ער האָט פערשפּילט די פוטבאָל-מעטשען און טרייסטען איהם

— וועסטו געווינען א צווייטע מאָל, יאָדען זיך דאַרף מען נישט אַזויפיל איבער אַזאַ קליי-ניגקייט.

— אָבער איך יאָדע זיך גאָרנישט צוליב דעם וואָס איך האָב פערשפּילט — זאָגט דער פוטבאָליסט.

— וואָס דען?

— שטעלט אייך פאָר, אַז די גאַנצע צייט זייט איך בין דאָ אין לאָדז האָב איך נאָך קיין איין בריף צו מיין פרוי נישט געקענט שרייבען.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך געה אַרום אין אַלע פּאָסט-אָפּ-טיילונגען און וויל קויפען טשעכישע פּאָסטמאַרקען און אומעטום ענטפערט מען מיר, אַז עס איז נישטאַ...

ניין!

ריכטער: איהר ... אייער שכן געגעבען א פּאַטש און דערפאַר ווערט איהר בעשטראָפט מיט 25 דאָלאַר.

אָנגעקלאָגטער: קאָן איך די 25 דאָלאַר אויס-צאָהלען מיט פינף דאָלאַר אַ וואָך?

ריכטער: איהר האָט איהם דעם פּאַטש אויך נישט אויסגעצאָהלט ביסלעכווייז.

אין געריכט

ריכטער: איהר האָט געגנבעט אנ'אויטאָמאָביל? זייט זיך מודה?!

אָנגעקלאָגטער: איך האָב געטון דאָס זעלבע ווי דער אָנקלאָגער האָט געטון, נאָר ער ווערט נישט בעשטראָפט, איך האָב געזעהען דעם אויטאָ-מאָביל, האָב איך איהם גענומען, בין מיט איהם אַ-רומגעפאָהרען, און פונקט ווי ער האָב איך ד... נאָך נישט בעצאָהלט.

ער האָט זי דערמאָנט

ער: דו ביזט אַזוי שעהן! דיינע בלויע אוי-גען, דיינע בלאָנדע האָר און דיין ליבליך פּנים.!

זי: מיין גאָט! איך האָב זיך נישט געפּו-דערט! איך מוז זיך שוין פּודערען!

אין אַ רעסטאָראַן

גאַסט (צום קעלנער): אַלעס וואָס דאָ שטעהט אין דער מעניו איז דאָ נישטאָ, טאָ צו וואָס איז דאָס אָנגעשריבען?

קעלנער: כדי צו מאַכען די מענשען אַני-אַפּעטיט.

* * *

— פאַרוואָס עסטו אין אַ רעסטאָראַן? דיין ווייב קען נישט קאָכען?

— זי קען, נאָר זי וויל נישט קאָכען, און פאַרוואָס עסטו דאָ?

— מיינע קאָכט, נאָר זי קען נישט...

אַ געבעט

גיב מיר אַ האַרץ,
אַ שטאַרקס, ווי פון בלעך, און
אַ מיידעל, וואָס זאָל עס
אַ ביסעל צוברעכען.

שווער צו געפינען

— וואָס זוכט איהר דאָ אַרום אין שוהל, הזן?

— מ'האָט מיר געזאָגט, אַז דער פר... ...גער חזן האָט דאָ פערלוירען זיין שטימע, וויל איך זעהן אפשר וועל איך זי געפונען.

פערפיהרט

— איך וועל דיר קיינמאָל נישט מוחל זיין,

— פאַרוואָס?

— ווייל דו האָסט מיך פערפיהרט.

— מיט וואָס?

— ביזט געווען מיין אונטערפיהרע.

דאס לאנד פון קאנטראסטען

ווי האלט עס מיט יודישקייט אין אונגארן

(מארעספאנדענץ פון בודאפעשט)

פנוגע יודישקייט ווען אונגארן איצט פליר־פען אויף איפ׳ג א לאנד פון מערקווירדיגע קאנד־טראסטען. אויך אין זיין פאנאטישע יודישע פרומ־קייט מיט אנ׳ארטאראקסישען־יודענטום, וואס האט נישט זיין גלייכע אפילו אין פראנקפורט, און אויף דער אנדערער זייט עקסטרעמסטע מאדיארישע אסי־מילאציע און פערפייטענדיג די יודישע רעליגיע אויף א קריסטליכער אזוי לייכט און אזוי פלוצים, ווי אנטון זיך אנ׳אנדער קאסטיום אדער אומבייטען א פלאץ אין טעאטער.

אמאל הערט מען פון זיי א טעאריע, אז נאר דאס אונגארישע יודענטום איז געשטאנען אויפ׳ן בארג סיני און נאר זיי זענען די אמת׳ע יורשים פון פערצייטיגען יודענטום און פון אלטען יודישען גלויבען. אלע אנדערע יודען פון דער וועלט זע־נען נאר אפיקורסים אדער יודישע נאציאנאליס־טען און ציוניסטען, וואס זייער עקזיסטענץ אליין שטעהט שוין אין א שארפער סתירה צו דעם אמת׳ער יודישקייט, וועלכע איז נאר א רעליגיעזע גרופירונג, אבער נישט קיין פאלק. אנ׳אנדערעס מאל קומט אבער פון בודאפעשט נאך א פערקעהרטע טעאלאגיע איבערן מהות פון אונגארישען יודענ־טום: זיי שטאמען נאר אפ פון די כאזארן (כוזרים) וועלכע האבען אין מיטעל אלטער אנגענומען נאר דעם יודישען דת, דעריבער האבען זיי נישט און דארפען אויך נישט קיין שום שותפות מיט׳ן יודי־שען נאציאנאליזם אדער נאר מיט׳ן ציוניזם. זיי־ערע אבות זענען דארטען קיינמאל נישט געווען און מען קען זיי אויך נישט צוהען אהער צוריק.

פערשטייט זיך פון היסטארישען שטאנדפונקט האבען אזעלכע טעאריעס קיין שום ווערט נישט. ווי חייט זייער יודישקייט איז עכט און אמת׳דיג, האבען זיי גוט געפילט ביז פאר א קורצער צייט. עס איז נישט זייער לאנג זינט דער ווילדער אנטי־סעמיטיזם האט דארטען אויפגעהערט און דאס־מאל העלען די אונגארישע יודען געזעהן נישט אזוי זייער פערגעסען זייערע שווערע ליידען: דווקא אלס יודען מיט׳ן גורל פון כלל־ישראל, אבער נישט צו־ליב רעליגיעזע אינטערעסירען אליין. פון די אנטיסעמי־טישע פערפאלגונגען האבען געליטען מאדערנע און אפיקורסים מעהר, ווי די פרומע און רעליגיעזע יודען. עקאנאמיש און מאראליש האבען געלי־טען אלע צוזאמען. נישט דער רעליגיעזער סעפאראטיזם און נישט די עקסטרעמע אסימילאציע האט זיי געקאנט ראטעווען. אין דערהיים האבען זיי בלומרשט פראטעסטירט נעגען דעם, וואס די יודישע ארגאנזאציעס און אויסלאנד נעמען זיך אן זייער קריוודע. אבער טאקע אין הארצען זענען זיי היינט איבערצייגט, אז די דאזיגע אויסלענדישע זיי היינט איבערצייגט, אז די דאזיגע אויסלענדישע נען, וואס דער אנטיסעמיטיזם האט זיך ענדליך אפגעשטעלט און אין אונגארן און די אונגארישע יודען ווערען פאמעליך מיט לייטען גלייך און גאנצען לאנד.

אט די געפילען ווערען אויסגעדריקט אין א בעשלוס פון דער נאר־וואס געשאפענער אונגא־רישער יודישע אוניאן (א פעראייניגונג פון אלע יודישע גרופירונגען אין אונגארן), אז עס איז געקומען די צייט אנצוקניפען צוריק בעציהונגען מיט׳ן אויסלענדישען יודענטום און זיך אנשליסען אויפסניי

אין דעם בונד פון ישראל, נאכדעם ווי אט דער בונד איז צוריסען געווארען מיט 16 יאהר צוריק דורכ׳ן אויסברוך פון וועלט־קריג. א פיינע ספעצ־יאליטעט פון אונגארישען יודענטום! אוש 12 יאהר נאכן קריג האבען זיי געמוזט ווארטען אויף א ווי־דערפעראייניגונג מיט׳ן כלל־ישראל. אלע קריג־פיהרענדע פעלקער און מלוכות האלטען שוין העכער 10 יאהר שלום און זיצען צוזאמען אויף אינ־טערנאציאנאלע צוזאמענפאהרען. אבער דאס אונ־גארישע יודענטום האט ערשט איצינד בעשלאסען ארויסצוגעבען א הכשר, מאכען צוריק שלום און אחדות מיט׳ן יודישען פאלק! און דער הכשר איז נאטיפיצירט געווארען אפיציעל אויף א ספעציע־לער קאנפערענץ פון אונגארישען יודענטום: עס איז פראקלאמירט געווארען די הסכמת פון אונגא־רישען יודענטום צום פרידענסטראקטאט מיט כלל־ישראל, וועלכער איז אין די לעצטע וואכען אפגע־שלאסען געווארען צווישען עטליכע אונגאריש־יו־דישע רעפרעזענטאנטען מיט די אנפיהרענדע יו־דישע ארגאניזאציעס פון פאריז, לאנדאן, בערלין און ניו־יארק.

טאמער איז אזא קאנטראקט נאך נישט גע־נוג בולט, איז אין די לעצטע טעג אויסגעבראכען אין בודאפעשט א קאמף צווישען יודישע אדוואקאטען און דער אונגארישער יוסטיץ, וועלכער ווייזט דאס אונגארישע יודענטום פון נאהענט א שעהנער זייט. די יודישע אדוואקאטען ווילען נישט קומען אין די טרי־בונאלען, אז זיי וועלען נישט קומען איז געריכט אפי־לו אין יודישע ימים־טובים. די אונגארישע יוסטיץ וויל אנערקענען אלס יום־טוב נאר דעם ערשטען טאג ראש השנה, אבער דעם צווייטען טאג

נישט. האט דער האריגער קאנפליקט אנגענומען א פרינציפיעלען כאראקטער וועגען דער גלייכבע־רעכטיגונג פון יודישען גלויבען און יודישע יום־טובים מיט די חגאות פון קריסטליכע קאפעטיעם. דער רוב פון די יודישע אדוואקאטען איז ווייט פון פרומקייט, אבער זיי פא־ע־ען רעספעקט פאר׳ן יו־דישען יום־טוב. דעריבער דערקלערען זיי נישט־פלוזי, אז זיי וועלען נישט קומען אין געריכט אפי־לו דעם צווייטען טאג ראש השנה, נאר זיי האבען אויפגענומען א קאמפאניע און לויפען ביז צו די העכסטע אינסטאנצען פון דער יוסטיץ, אז מען זאל אפליינען די גערכטס־פערהאנדלונגען אויף אנ־דערע טעג און עס זאלען אפיציעל אפגערופען ווערען די פא־לאדונגען פון יודישע אדוואקאטען צו פראצעסען אין יודישע ימים־טובים, אפילו ווען דאס זענען פראצעסען צווישען קריסטליכע צדדים.

צווישען די דאזיגע קאנטראסטען פערלירט זיך דער אייגענטליכער יודישער פרצוף פון אונגארישען יודענטום, וועלכער וואלט געקאנט בילדען א זייער ווערטפולען בעשטאנד־טייל פון כלל־ישראל. עס איז פערהאן בייזיי א גאנצער אוצר פון גוטע מדות, מענשליכע און נאציאנאלע, וועלכע ליגען פערדעקט אונטער א טיפער שיכט פון אסימילאציע. אין די לעצטע יאהרען בעמערקט זיך א געוויסער אויפלעבונג־פראצעס. עס וואקסט אונטער פאמעליך אויך א ציל־בעוואוסטערע יודישע יוגענד. עס איז נאר א פראגע, ווי לאנג עס וועט נעמען, ביז פון די פילע קאנטראסטען און עקסטרעמען וועט אויפ־שטיין א נייער פרייער יודישער יוּר אויך אין אונגארן, וועלכער וועט נישט דארפען ערשט פראק־לאמירען דאס „ווידער אויפנעמען די דיפלאמא־טישע בעציהונגען מיט כלל ישראל״.

א. ווינער.

—=○○○=—

7-kl. Szkoła
dla żyd. inteligencji (Zakład Freblowski)
KACENELSON-NACHUMOO
ul. POMORSKA 20 tel. (183-40). Zapisy w godz. od 4–7 p.p

7-קל. שולע און פרעבלשולע פאר קינדער פון יוד. אינטעליגענץ
קאצענעלזאן = נאחומאב
פאמארסקא 20 טעל. 183-40. איינשרייבונגען פון 4 ביז 7 נאכמיטאג

די שולקאנצלאריע נעהמט אן איינשרייבונגען פון קנאבען און מעדכען וואס זענען אין שולצוואנג. אין פארבערייטונגס־קלאס (A⁰) ווערען אנגענומען קינדער פון 5½ יאהר. אין פרעבלשולע (שפיל־שול) קינדער פון 3-7 יאהר

די אונטערריכטס־שפראך אין שולע, ווי אויך אין פרעבלשולע איז פויליש. פיר קנאבען א פערגרעסערטער קורס פון העברעאיש און אלס למודי־קודש אונטער דער פערזענליכער הנהלה פון
ר׳ יעקב בנימין קאצענעלזאן
פיר מעדכען א ספעציעלער קורס פון טענץ, ריטמיק, פלאסטיק לויטן פראג גראם פון מאנטעסאריס־שולען פאר קינדער אונטער פאכמענישער לייטונג

פיר פיזיש שוואכע קינדער, ווי אויך פיר אונבעמיטעלטע ווירד ערעפענט א נאכמיטאג־שולע ■ ביז 50% ביליגער ■ נאכמיטאג פרעבעלשולע

ייד. ארטיסטן־פארבאנד אין פוילן
דירעקטאריום
פון די פאראיינס־טעאטערן
בעפולמ. דיר.: שטאקפעדער
לייטער: א. בעזמאן

לאדזשער יוד. קאמער־טעאטער
בילעטער אין ווייסען זאל
„ארט״ מאנטייפעל זאכאדניא 43
קינסטל. לייטער:
משה בראדערזאן.

היינט, פרייטאג, 2 פארשטעלונגען
7.45 און 9.45 אין אווענד.
שבת, דעם 18־טען 3 פארשטעלונגען
4 נאכמ., 7.45 און 9.45 אווענד.
גוט מארגען, קאזע!...
אין 2 טיילען, 12 בילדער.

אנסאמבל לויט׳ן א. ב. פרויצ׳ן: זיסעל־גירל, לאלא זילבערמאן, שיינע מרים, מאשע פעטער־מאן, אסתר ראזען, אלא שליפקאוויטש. מענער: שמואליק גאלדשטיין, שמעון דזשיגאן, מאטעל קאן יעקב ריינגלאס, ישראל שומאכער, י. שיפער.

טעקסטען: מ. בראדערזאן, משה נאדיר, י. אבערזשאנעק מוזיק: ה. רובין, א. בייגעלמאן און פאלקס־מאטיוען! דעקאר. און קאסטיומען: י. ברוינער און ה. המנברויט. מוזיק־לייטער — ה. רובין, רעזשי — דזשיגאן, שומאכער. בינע־אינספעקטאר — מ. קאן, ליכט־עפעקטען — יערא.
זונטאג, דער 19 אקט. 7.45 און 9.45 אוו.
2 פארשטעלונגען
בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון 11 — 2 בייטאג און פון 5 אוו. שבת און יום־טובים א גאנצען טאג.

אין 10 מינוט צייט

שאדענס אויף מיליאנען פראנק

פאריז, 16. (ספ. טעל.) פון ליאן מעלדעט מען, אז א אומגעהויער שטארקער שטורעם־ווינד האט אנגעמאכט א חורבן און איז טאל פון טייך איזער. דער שאדען אין פערלויף פון 10 מינוט בעטרעפט עטליכע מיליאן פראנק. דער שטורם־ווינד האט אומגעווארפען מויערן, אראפגעריסען דעכער און טעלעפאן־איינריכטונגען. א טורם פון א קירך איז אראפגעריסען געווארען און דערהרג׳עט א פרוי. די באהן־בעוועגונג צווישען ליאן און גרענאבל איז איבערגעריסען געווארען. די שאדענס בעטרעפט 4 מיליאן פראנק.

ארעסטירט א פרוי

מיט א וואליזע בריליאנטען

ווילנא, 16. (ספ. טעל.) נאהענט פון דער סאוועטישער גרעניץ איז פערהאלטען געווארען א פערדעכטיגע פרוי מיט א גרויסער וואליזע, וועלכע איז געקומען פון רוסלאנד. אין די וואליזע האבען זיך געפונען א גרויסע צאהל ציהרונג פון אנ־אונגעהויערען ווערט.

די ארעסטירטע הייסט רחל קויפמאן.

קוואליפיקאציע־שיינען

ווערען אפגעשאפט

ווארשא, 16. טעלעפאניש) דאס מיניסטעריום גרייט צו א פעראָרדנונג וועגען אפשאפען די קוואַ־ליפיקאציעס, וואס זענען ביז איצט נויטיג געווען, כדי צו בעקומען אנ׳אויסלענדישען פאס. די פער־ארדנונג און דער פראגע דארף אזוי געגעבען ווערען אין די נאהענטסטע טעג.

די פערשאלטענע ירושה

47) גרויסער ראמאן

פון ליידענשאפט ליבע און פערברעכען.

טאקע האט שיינענגא א פאק געטאן אויף מעריץ.

דער בליק זיינער האט געשמידט דאס מיידעל מיט שרעק.

א פערצווייפעלטע האט זי זיך ארומגעקוקט, און צום גליק דערזעהן רושיקאפס׳ן.

יענער האט צו איהר א שאקעל געטאן מיט׳ן קאפ, און זי האט פלוצים פערשטאנען.

פערשטאנען מיט דער גאנצער קלארקייט, מיט דעם פולען בעוואוסטזיין פון דער אויסגאנג־לאזיגקייט פון איהר לאגע, אז נאר איין רעטונג איז פאר איהר דא, איין און איינציגע מעגליכקייט צו פערהאלטען, צו אפשלעפען דעם סוף.

מען האט איהר אקארשט געהאט געזאגט, אז זי שטעלט מיט זיך פאר א שטערונג, וואס טיילט אב די „דריי מאלפעס״ פון זייערע ירושה.

אבער... צו הילף איז געקומען שארלאטע סימפ־סאן — זי איז זיי אויך נויטיג געווען.

נישט וועלענדיג ריזיקירען, האבען זיי זיך גע־האלט פערזיכערען פון אלע זייטען, און זיי שיצען זיך פאר קלערליי צופעליגקייטען.

אויב זיי זאלען איהר גלויבען, אויב זי וועט זיי פאקטיש איבערצייגען, אז זי הייסט טאקע שארלאטע דער פרוי סימפסאן, וועט איהר לעבען פאר־

לירען פאר זיי דעם ווערט.

דאן וועלען זיי תיכף מאכען א סוף מיט איהר.

דאס אליין האט איהר קלאהר געמאכט דעם צייכען, וואס רושיקאפס האט איהר געגעבען.

זי האט אלזא געדארפט צו איבערצייגען די אויסוואורפען, אז זי קאן זיין נאך זיין נוצליך.

און, צו וואס האט זי געענטפערט אויף די פראגען פון מאקס אפמאן ?!

מאקסעל האט א קריץ געטאן מיט די ציין:

— איך גלויב אייך נישט!

מערי האט דערפיהלט, ווי אין איהר הארץ האט אנגעהויבען צו קלאפען די גרויסע האפענונג.

דער טויט־אורטייל איז, אלזא, אפגעלייגט גע־ווארען.

ווארום — ווען מאקס אפמאן גלויבט איהר, וואלט ער זי האך זיכער געטויט מיט הערזעלבער לייכטקייט, ווי מען צינדט אן א ליכט.

— דארכט זשע! — האט ער אויסגערופען מיט א שניידיגען ירנאן — איהר ווילט מיר איינרע־דען, אז די פרוי, וואס האט אייך געכאפט פון קינדערהיים, וואס איז אייך געווען אנשטאט א מו־טער, האט פלוצים איבערגעריסען מיט אייך אלע בעציהונגען און קארעספאנדירט זיך נישט מיט אייך! דאס איז, פערשטעהט איהר מיך, אנאמאמ־

גלויבליכע זאך!.. ס׳איז נישטא קיין שום סיבה, אז שארלאטע סימפסאן זאל פלוצים פערשווינדען פון אייער לעבען... רעדט: וואו איז זי?

מערי האט זיך פונאנדערגעלאכט, ווייל זי האט דערפיהלט, אז די דרעקטע סכנה איז פערביי.

איהר געלעכטער האט געקלונגען מיט א מין ארויספאדערונג:

— זעהר גוט!.. איהר קאנט גלויבען, אדער נישט גלויבען — דאס איז אייער זאך!.. ווייסט אבער, און דאס מענט איהר מיר גלויבען... אז ס׳איז נישטא אזא כוח, וואס וועט מיך צווינגען צו פערראטען די פרוי סימפסאן און איבערגעבען זי אין אייערע הענד!..

— זיי איהר מכבד! — האט מאריץ א כיפ׳ט געטאן — אט האסטו דעם קאנטשיק, מאקס! גיב איהר איין פארציע, זאל זי א שמעק טון פון די לאקשען!

מאקסעל האט אפגעווענדט דעם ברודערס אויסגעשטרעקטע האנד, און קוקענדיג שארף אין מאריס אויגען, האט ער זיך אפגערופען:

— מיר וועלען אייך איבערלאזען דא אין קע־לער אויף צוויי שעה — ביז האלבער נאכט!.. גיט א טראכט וועגען דעם, וואס איך האב אייך געזאגט, און זייט זיך מיישב וועגען אייער לאגע... אין צוויי שעה ארום וועלען מיר דא קומען אויס־הערען אייער בעשלוס... איך ראט אייך, איהר זאלט זיך נים איבערלייגען!..

די „דריי מאלפעס״ זענען אוועק.

קאפיטעל פינף און צוואנציג.

גוטערמאנס רעוואלווער

רושיקאפס איז אפגעטראטען פון דער וואנד

און פארזיכטיג אנגענומען מעריץ פאר דער האנד.

— בערוהיגט זיך פריילין!.. זייט נישט פער־צווייפעלט! — האט ער מיט דער הארץ ארויסגע־שעפטשעט. — אפשר האלטען מיך נאך נארנישט אזוי שבאל! צום טייוועל! — האט ער זיך אויס־געזידעלט — איך האב אזוי נויטיג בעדארפט צו האבען א שטיקעל רעוואלווער, ווען די דריי מנו־בלים זענען דא ארונטער מיט׳ן לייטער... איך וואלט זיי דערהרג׳עט, און דאן געפאדערט ביי דער רע־גירונג, מ׳זאל מיר שענקען א מעדאל דערפאר!..

מערי האט אהם דערשראקען אנגעקוקט.

— הער רושיקאפס, זיי וועלען מיך פייניגען?.. איך בעט אייך, זאגט מיר נאר דעם אמת!.. זיי האבען אייך געפייניגט?.. יא?

— ווי זאל איך אייך זאגען... פייניגען איז נישט דער ריכטיגער אויסדרוק. — האט רושי־קאפס געענטפערט אויסמיידענד, בעמיהענדיג זיך נישט צו קוקען אויף דער מיידעל. — ס׳האט ווילדבט פערשטענדליך, קיין שום שייכות נישט דערמיט, וואס איהר האט אנגעמעלט געלייענט אין מעשה־ביכלעך וועגען טארטורעס מיט אייזערנע רינגען, מיט צואנ־גען צו אויסדרייען נגלידער א. ד. גל. דער מאריץ אבער גיט פעסטע קלעפ מיט זיין קאנטשיק... איך פערשטעה נישט פונוואנען ער האט זיך עם אזוי אויסגעלערנט.

מערי האט א ציטער געטאן.

— וואס זאל איך טון?.. וואס זאל איך, נעד־בער, טון?.. איך האב זעהר מורא! הער רושי־קאפס... דער איז געדאנק וועגען דעם, אז דער אפמאן קאן מיך פייניגען, הרג׳ענען... מ׳קאן ראש משוגע ווערען!..

(פארטזעצונג קומט)

ווי אַזוי לאָנדאָן, בערלין און פּאַריז פערברענגען זייערע נעכט

אין יעדער פון די דריי הויפּשטעט אין אייראָפּא האָט דאָס נאַכט-לעבען אַ גאַנץ אַנדער פּנים. — בערלין איז היינט די גרעסטע לעבע-שטאָט אין אייראָפּע. — ווי אַזוי לאָנדאָן און פּאַריז פיהרען זיך ביינאַכט

ווען אַ רייזענדער קומט אָן קיין לאָנדאָן, פּאַריז אָדער בערלין — וואָס אינטערעסירט איהם דאָרט די ערשטע זאַך?

די ערשטע זאַך אינטערעסירט איהם דאָס „נאַכט-לעבען", די קאַפעיס, רעסטאָראַנען, קאַבאַרעטס, וואו דער עולם געהט פערברענגען די אָווענטען און די נעכט. און אין יעדער גרויסער וועלט-שטאָט איז דאָס נאַכט-לעבען אַנדערש און אינטערעסאַנט אויף זיין אייגענעם אופן.

אין לאָנדאָן איז דאָס נאַכט-לעבען נישט אַזוי לוסטיג און פרעהליך ווי אין פּאַריז אָדער בערלין. דאָס קומט דערפון, וואָס לאָנדאָן ליידט אַביסעל פון פּראָהיבישאָן, אין ענגלאַנד איז נישטאָ קיין פול פּראָהיבישאָן אַזוי ווי אין אַמעריקע. דאָרטען מעג מען פערקויפען שנאַפּס און וויין, אָבער בלויז אין געוויסע שטונדען. אין פּאַריז קען איינער טרינקען וויפיל ער וויל און ווען ער וויל, אַפילו פיר און צוואַנציג שעה אַ טאָג. מיט עסען איז דאָרט גראָד אַ צרה, אָבער נישט מיט טרינקען. אין פּאַריז קענט איהר חלש'ן פון הונגער און איהר וועט נישט קריגען קיין מאָלצייט צווישען 3 אַ זייגער נאָכמיטאָג און זיבען פאַרנאַכט. אָבער מיט טרינקען איז דאָרט קיין שום שטער אָדער אָפּהאַלט. אויך אין לאָנדאָן איז עס גראָד פערקעהרט. דאָרט קענט איהר קריגען עסען צו יעדער צייט, אַזוי ווי אין ניו-יאָרק, אָבער טרינקען קענט איהר נאָר אין געוויסע שטונדען. אין לאָנדאָן קען מען נישט קריגען קיין שנאַפּס אָדער וויין פאַר עלף אין דער פריה, צווישען 3 און האַלב נאָך 5, און נאָך 12 ביינאַכט.

אין דער הינזיכט פון פּראָהיבישאָן אין לאָנדאָן, אַלזאָ, ענהליך צו ניו-יאָרק. אין לאָנדאָן איז פערהאַן אַביסעל פּראָהיבישאָן און אין ניו-יאָרק איז אויך פערהאַן אַביסעל פּראָהיבישאָן, אָבער עס איז מערקווירדיג, אַז גראָד די פּראָהיבישאָן האָט מיטגעבראַכט אַז אין ניו-יאָרק זאָל זיך ענטוויקלען דער נאַכט-קלוב, בשעת אין לאָנדאָן איז די ביסעל פּראָהיבישאָן אַ שטערונג פאַר'ן נאַכט-קלוב לעבען. איידער עס איז געקומען פּראָהיבישאָן איז אין ניו-יאָרק כמעט נישט געווען אַזאַ זאַך ווי דער נאַכט-קלוב. עס איז געווען דער סאַלון, וואו עס איז געווען שמוציג, שטענדיג אָנגערויכערט און וואו אַן אָנשטענדיגער מענש האָט נישט געקענט אַריינגעהן. אָבער אַז עס איז געקומען פּראָהיבישאָן, האָט מען אָנגעהויבען גרינדען קלאַבס, אין בעהאַלטענע ערטער, וואו אַן אייגענער עולם פלעגט קומען פערברענגען און טרינקען. און אַזוי ווי דאָס איז מצה־סטענס מיט'ן וויסען פון דער פּאָליציי, וועלכע קריגט לאַפּקע-געלד און מאַכט זיך נישט זעהענדיג, קען מען דאָרט טרינקען אויך וואָס די וועלט שטעהט.

נישט אַזוי אָבער איז עס אין לאָנדאָן. דאָרט קענט איהר אין געוויסע שטונדען טרינקען וויפיל איהר ווילט, אָבער אין די פערבאָטענע שטונדען איז עס זעהר שטרענג און מען קען טאַקע נישט קריגען קיין ביטערען טראָפּען. אויב איהר ווילט אַ שנאַפּס אין לאָנדאָן נאָך 12 אַ זייגער ביינאַכט, מוזט איהר צום טרינק בעשטעלען עסען — צי איהר ווילט עס צי נישט. און עס איז שוין דאָרט אַזוי איינגעפיהרט, אַז ווען נאָך 12 אַ זייגער הייסט איהר דעם וועיטער אייך דערלאַנגען אַ שנעפּסעל, הויבט ער אייך צוזאַמען מיט'ן שנעפּסעל דערלאַנגען אַ פּאָר סענדוויטשעס אַפילו ווען איהר הייסט איהם פּשוט. ער ווייס שוין אַליין, מען מוז אַזוי.

אין בערלין איז שוין דאָס נאַכט-לעבען אַ גאַנץ אַנדער זאַך. דאָרט איז עס אָרגאַניזירט אויף אַ גוואַלדיג גרויסען אופן. דאָס נאַכט-לעבען דאָרט געהט פאַר גאַנץ אָפען, שרייאיג, מען רעקלאַמירט מיט קולות, די רעגירונג העלפט מיט צו רעקלאַמירען דאָס נאַכט-לעבען אין בערלין. ערשטענס האָט די שטאָט אַ גאָר גרויסע הכנסה דערפון, צווייטענס וויל בערלין אויסקעמפען פאַר זיך דעם נאָמען פון דער גרעסטער הויפּט-שטאָט אין אייראָפּא. פאַר דער מלחמה האָט מען נישט געוואוסט פון אַזאַ קאָכיגען נאַכט-לעבען אין בערלין ווי היינט. פאַר דער מלחמה איז בערלין נאָר געווען די הויפּט-שטאָט פון דעם דייטשען רייך, אָבער יעדע קעניגרייך, בעזונדער האָט געהאַט איהר הויפּטשטאָט און מאַנכע פון זיי, ווי מינכען, צום ביישפּיל, האָבען קאָנקורירט מיט בערלין. היינט וויל בערלין פערדעקען יענע אַלע שטעט און זי וויל אויך קאָנקורירען מיט פּאַריז.

אַלזאָ, איז ווען מען געהט היינט אַרויס אויף די הויפּט-גאַסען פון בערלין, ווי פרידריכשטראַסע אָדער „אונטער דען לינדען", ווערען די אויגען פערבלענדעט פון דער ליכטיגקייט, און די אויערען פערהילכט פון דער מוזיק וואָס טראָגען זיך פון הונדערטער קאַפעיס, רעסטאָראַנען. און אינוויינינג זענען די קאַפעיס און רעסטאָראַנען אויסגעפּוצט מיט קעניגליכער רייכקייט, די טישען ווייס געדעקט, און עס גיסט זיך שאַמפּאַניער ווי וואַסער. דאָס פרעהליכע נאַכט-לעבען אין בערלין ערקלערט זיך אויך דערמיט וואָס די דייטשען, וועלכע שמאַרצען נאָך אַלץ אונטער דעם ווייטאָג פון דער פערלאָרענער מלחמה, הוליען אַזוי געשמאַק כדי צו פערהוליען דעם ווייטאָג.

אין בערלין זענען פערהאַן קאַפעיס אין די פערוואָרפענסטע ווינקעלעך פון שטאָט, וואו עס איז אָנגענומען אַריינצוגעהן און פערברענגען. איבעראַל איז פערהאַן אויסגעצייכענטע מוזיק און עס זענען פערהאַן ווידער קאַפעיס וואָס נעמען אַריין טויזענטער מענשען אויף אַמאָל. פערהאַן קאַפעיס וואָס האָבען פיל בעזונדערע צימערען און אין יעדען צימער זענען די פּרייזען אַנדערש, גראַדע ווי די בעזונדערע קלאַסען אויף אַ שיף. די איינציגע בעשרענקונג איז דאָס וואָס די רעסטאָראַנען און קאַבאַרעיס מוזען זיך שליסען דריי אַ זייגער ביינאַכט.

גאַנץ אַנדערש איז דאָס נאַכט-לעבען אין פּאַריז. דאָ האָט דאָס נאַכט-לעבען אַפילו קיין טויזענט-חלק נישט פון דעם רייכען און בלישטשענדיגען גלאַנץ פון בערלין. פערקעהרט, די פראַנצויזען נעמען זייער נאַכט-לעבען אַ סך איינפאַכער. די קאַפעיס און רעסטאָראַנען האָבען דאָס רוב אַ גאַנץ אָרימליכען אויסזעהען. די ווענט זענען אָפט שוואַרץ, דער פלאָר איז בעדעקט מיט האָלץ-שטויב, פילינעס. די טישען זענען אויך גאַנץ איינפאַכע, דאָס רוב הילצערנע. די פראַנצויזען שענקען גאַנץ ווייניג אויפמערקזאַמקייט צו די זאַכען. זייער גאַנץ האַרץ איז אָפּגעלעגט אויף דאָס וואָס טוט זיך אויפ'ן טיש, אויף דער שפּייז. און די שפּייז וואָס מען עסט אָפּטמאָל אין אַ פינסטערע אָפּגעקראָכענעם רעסטאָראַנטשיק אין פּאַריז וואָלט מען מקנא געווען אין דעם שענסטען און רייכסטען האָטעל-רעסטאָראַן אין ניו-יאָרק.

אין פּאַריז זענען פערהאַן טויזענטער קאַפעיס. דער פראַנצויז וויל נישט קיין ווייכע אויסגעבעטע שטולען ווי די דייטשען. פאַר איהם איז גענוג אַ לאַנגע באַנק ביי דער וואַנט, אָדער פּראָסטע שטולען אַרום פּראָסטע טישלעך, אַבי אויף די טישלעך געפינט מען אַ שאַך, אַ פּעשל קאָרטען, שרייב-געצייג, און, נאַטירליך, אַ גלאָז ביער אָדער אַ גלעזעלע וויין. [illegible] מוזיק וויל ער נישט, ער וויל זיצען רוהיג און פערברענגען.

קורץ, בערלין איז די לעבעדיגסטע שטאָט אין אייראָפּא. דאָרט הוליעט מען אויף וואָס די וועלט שטעהט, אַ סך מעהר ווי אין פּאַריז אָדער לאָנדאָן. ווען עס קומט די פּאָליציי-שטונדע אום דריי אַ זייגער ביינאַכט מיינט עס נאָך נישט, אַז דאָס נאַכט-לעבען שטעלט זיך אָפּ, ניין, אויף יעדען טריט און שריט קומט צו צו אייך איינער וואָס רוימט אייך איין אַ סוד אין אויער אַז ער קען אייך פיהרען אין אַ „נאַכט-לאָקאַל", וואו איהר קענט פערברענגען ביז זעקס אין דער פריה. אָבער אין לאָנדאָן ווערט נאָך צוועלף אַ זייגער אומעטיג, אויסגעלאָשען. עס איז נישט זעלטען צו זיצען אין לאָנדאָן אין אַ רעסטאָראַן און זעהען ווי אַזוי דער עולם איז לעבעדיג, פרעהליך, מען טאַנצט און פּלוצלונג דערזעהט איהר ווי די פרעהליכקייט לעשט זיך פּלוצים אויס. איהר ביט אַ קוק אויפ'ן זייגער און איהר בעגרייפט גלייך וואָס דאָ איז געשעהען: עס איז געווען אַ זייגער, מען קען מעהר נישט קריגען קיין טרונק, און אָהן דעם ביסעלע שנאַפּס אָדער דעם [illegible] וויין לעשט זיך אויס די פרעהליכקייט.

זי איז שוין געלעגען אַ געבונדענע צום פערברענט ווערען
איצט איז זי די הערשערין איבער איהר שבט
אַ מערקווירדיגע געשיכטע פון אַן אינדישער „יונגער פרוי", וואָס האָט געזאָלט פערברענט ווערן לעבעדיגערהייט צוזאַמען מיט איהר געשטאָרבענעם מאַן. — ווי אַזוי זי האָט זיך געראַטעוועט און איז נאָכהער געוואָרען רייך און מעכטיג

אויף דעם אינזעל באַלי האָט ביז נישט לאַנג צוריק געהערשט דער מנהג, אַז ווען אַ מאַן איז געשטאָרבען, האָט מען זיין קערפּער פערברענט, און אויב ער האָט געלאָזט אַן אלמנה, אָדער עטליכע אלמנות, האָט מען זיי אויך פערברענט צוזאַמען מיט איהם. וויל ביי ענע ווילדע שבטים איז איינגעגלויבט, אַז דער מאַן איז אַלץ אין דער וועלט און די פרוי איז געשאַפען געוואָרען בלויז פון זיין פערגעניגען וועגען. און ווייטער גלויבען זיי, אַז ווען די פרוי ווערט פערברענט צוזאַמען מיט'ן מאַן, איז עס פאַר איהר די גרעסטע גליק און זי געהט מיט איהם גלייך אין גן-עדן אַריין.

און אַזוי שטאַרק איז דער דאָזיגע גלויבען איבערגעגלויבט צווישען די ווילדע, אַז די ווייבער, אין זייער גרויסען פאַנאַטיזם, האָבען נאָר נישט פּראָטעסטירט, וואָס מען פערברענט זיי לעבעדיגערהייט, נאָר זיי האָבען עס בעטראַכט פאַר אַ נאַטירליכע זאַך און אָפט מאָל זיך נאָך אַפילו געפיהלט גליקליך דערפון.

בקיצור, די פּרינצעסין פּאַטימאַ, פון וועלכער עס געהט דאָ די רייד, איז געווען פערהייראַט מיט אַן אַלטען מאַן, אַ פּרינץ פון באַלי, און דער אַלטער מאַן איז אין איין שענעם טאָג געשטאָרבען. פּאַטימאַ איז געווען יונג און שעהן און האָט שטאַרק ליב געהאַט דאָס לעבען און עס האָט זיך איהר זעהר שטאַרק נישט געגלוסט גערן צוזאַמען מיט איהר טויטען מאַן אין פייער אַריין. אָבער וואָס האָט זי זיך געקענט העלפען? זי האָט אַפילו נישט געוואַגט צו פּראָטעסטירען. זי האָט געוואוסט, אַז זי איז מאַכטלאָז זיך צו שטעלען געגען איהר גאַנצען שטאַם.

די פערברענונג פון טויטע קומט פאָר ביי די ווילדע מיט גרויס פּאַראַד און אַ סך צערעמאָניעס. ווער שמועסט, ווען דער געשטאָרבענער איז נאָך דערצו אַ פּרינץ, ערגער אַזוי אַ געהויבענע פּערזאָן, זענען די צערעמאָניעס נאָך רייכער און גרעסער.

ווען פּאַטימאַ'ס מאַן איז געשטאָרבען, האָט מען דעריבער גענומען פּראַווען זיין פערברענונג אויף אַ גאָר גרויסען שיטע-הויפען און מען האָט אָוועקגעלעגט דעם מת אויף איהם. דאָן האָט מען גענומען די יונגע און שעהנע פּאַטימאַ און מען האָט איהר געבונדען די הענד און די פיס און מען האָט זי אַוועקגעלייגט ביי דער זייט פון דעם טויטען.

ליגט די יונגע פּרינצעסין אַ געבונדענע און וואַרט ביז מען וועט שוין אונטערלייגען פייער אונטער'ן האָלץ. זי וואַרט אויפ'ן ביטערען סוף. צום גליק: אָבער, איז געשעהן אַן אָפּהאַלט: דער פערשטאָרבענער האָט געהאַט אַ ברודער, וועלכער איז געווען אַ הערשער איבער אַן אַנדער שטאַם, וואָס האָט געלעבט אויף אַ ווייטער שטרעקע פון דאָרטען. און מען האָט געוואַרט מיט דער לעצטער צערעמאָניע אויף זיין קומען. דערווייל האָט מען געטאַנצט ווילדע טענץ, געגעסען, געטרונקען און געהוליעט, ווי עס פאָדערט דער מנהג.

מען האָט געוואַרט און געוואַרט און דער ברודער איז אַלץ נישטאָ. און פּלוצלינג האָט דער ברודער דערפאַר, וואָס עס האָט עפּעס פּאַסירט מיט איהם אין וועג. דערווייל איז געוואָרען נאַכט און דער ברודער איז אַלץ נישטאָ. האָט מען בעשלאָסען אָפּצולייגען די צערעמאָניע פון פערברענען אויף מאָרגען.

נאָר די אַלע אָנגעקומענע שלאָפען מיט אַ טיפען שלאָף. בלויז איין מענש איז נישט איינגעשלאָפען: די געבונדענע פּאַטימאַ, וועלכע איז געלעגען נעבען איהר טויטען מאַן און אַליין געוואַרט אויפ'ן טויט.

ווען פּאַטימאַ האָט דערפיהלט, אַז אַלע שלאָפען שוין שטאַרק, האָט זי גענומען פּרוּווען זיך צו בעפרייען פון איהרע שטריק. מיט איהרע שאַרפע געזונטע ציינער האָט זי איבערגעביסען איין שטריקעל, און אַז זי האָט בעפרייט אַ האַנט פון איין שטריק, איז איהר שוין גרינג געווען צו בעפרייען זיך אינגאַנצען.

פאָרזיכטיג און שטיל איז אַ קאַץ איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון דעם שיטער-הויפען, און עס האָט לאַנג נישט גענומען און פּאַטימאַ איז פערשוואונדען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט.

וואוהין איז זי געלאָפען?

זי געוואוסט, געפינט זיך דער אינזעל באַלי אונטער דער הערשאַפט פון די האָלענדער. פּאַטימאַ האָט געוואוסט, אַז די ווייסע מענשען זענען שטאַרק דאַגעגען, וואָס די איינגעבאָרענע אינזולאַנער פערברענען די לעבעדיגע ווייבער צוזאַמען מיט זייערע טויטע מענער. זיי זענען אָבער דעמאָלט נאָך נישט געווען ווייט דאָרט צו שטערען עס נישט צו דערלאָזען. האָט פּאַטימאַ בעשלאָסען צו לויפען זיך ראַטעווען ביי די האָלענדער.

און פּאַטימאַ האָט זיך געלאָזט לויפען איבער טייכען און בלאָטעס, צווישען ווילדע גראָזען און געדיכטע וועלדער.

ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז זי איז אַנטלאָפען, האָט מען געשיקט איהר נאָכיאָגען. איין מאָן האָט זי אָנגעיאָגט און געכאַפּט, אָבער זי האָט איהם דערשטאָכען מיט זיין אייגענעם שווערד. אַ צווייטער יעגער האָט זי געכאַפּט, אָבער פון איהם האָט זי זיך אויסגעקויפט מיט ליבעס-לאַסקעס. מיט איין וואָרט, נאָך גרויס מיה און מאַטערניש און טויזענד געפאַהרען איז איהר געלונגען זיך צו דערקלייבען צו אַ האָלענדישען לאַגער. זי איז געראַטעוועט.

און זי איז געבליבען לעבען צווישען די האָלענדער. עס האָט איהר נישט גענומען לאַנג און זי האָט זיך אויסגעלערנט רעדען האָלענדיש און זי האָט זיך גענומען צוקוקען צו זייער לעבען און צו דעם וואָס זיי טוען. און זי האָט בעמערקט, אַז וואָס די האָלענדער טוען איז — זיי קויפען אַלערליי אַרטיקלען ביי די ווילדע, זאַכען וואָס זיי אַרבייטען אויס פון ליים, פון ביין, פון גאָלד, פון שטאָף, און עס איז איהר איינגעפאַלען: פאַרוואָס זאָל זי נישט אָנגעהויבען צו האַנדלען מיט די האָלענדער?

צוערשט האָט זי אַליין גענומען אויסאַרבייטען אַרטיקלען פאַר די האָלענדער, כדי צו מאַכען אַ לעבען. נאָכהער האָט זי גענומען אויך נעהמען אַנדערע מיידלעך פון איהר שטאַם, אַ הערע גלייכען, און זי אָנגעשטעלט, זיי זאָלען אַרבייטען פאַר איהר. און די אויסגעאַרבייטע אַרטיקלען פלעגט זי פערקויפען צו די האָלענדער מיט אַ גרויסען פערדינסט, נאַטירליך.

מיט איין וואָרט, די פּרינצעסין פּאַטימאַ איז געוואָרען די ערשטע קאַפּיטאַליסטקע פון איהר שטאַם אויפ'ן אינזעל באַלי.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און פּאַטימאַ איז געוואָרען זעהר רייך, זי האָט אויסגעבויט אַ סך הייזער און געדונגען הונדערטע מיידלעך צו אַרבייטען פאַר איהר, און מיט איהר רייכטום איז געוואַקסען איהר איינפלוס און מאַכט, ביז זי איז געוואָרען די פּאַקטישע הערשערין איבער'ן גאַנצען שטאַם, וואָס האָט זי פריהער געוואָלט פערברענען.

—=:||:=—

BOTY deszczowe
damskie z aksam. wyłogami z czarnej gabardiny . . . zł 15.—
damskie z aksam. wyłogami całe z gumy, czarne, bronz lub baige : zł 18.—
damskie wys. z wyłogami lekkie całe z gumy deseń w kwiaty bronz . zł 20.—
KALOSZE
damskie półkal. bez obc. : . zł 4.50
damskie na trykotowej podszewce ; zł 9.—
męskie na trykot. podszewce . zł 10.20
męskie plytkie zł 9.70
„GENTLEMAN"

יודיש טעאַטער „פילהאַרמאָניע" נאַראָטאָוויטש 20
יוה. אַרטיסטען-פאַריין אין פּוילען — בעפּאָלמעכטיגטער דיר. אַ. שטאָקפעדער
דירעקציע פון די פּעראַיינס-טעאַטערן — רעזשיסער: אַ. בעזמאַן
נור 2 וואָכען! נוצט אויס די געלעגענהייט! נור 2 וואָכען!
ווענט באַסטראָליירען דער ליבלינג פון לאָדזער און ווארש. עולם, די אַמעריק. קינסטלערין
אננא יאַקובאָוויטש
היינט, פרייטאָג, דעם 17, 9 אָווענד, שבת, דעם 18, 4 ביי טאָג און 9 אין אָווענד, זונטאָג, דעם 19-טען 9 אָווענד היימאַן יאַקובאָוויטש'ס גרעסטע שלאַגער-אָפּערעטע, מיט'ן גרעסטען סוקסעס פון אננא יאַקובאָוויטש אַלס „סאָסע" פון גאַליציען
20 №№ אַמעריקאַנער חתונה 20 №№ געזאַנג
אין 2 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג, רעזשיסירט פון היימאַן יאַקובאָוויטש.
עס נעמט אַנטייל גאַנץ נייער אַנסאַמבל פון וואַרש. טעאַטערס (ליט א. ב.)
פרויען: י. פלעזם, ש. פלאום, ס. פּאָזנאַנסקאַ. ר. רעניגאַ. מענער: מ. אייזענבערג, ה. בראָקשטיין, י. גרינהויז, י. וויינבערג, ד. לויאַ, מ. מאַקסימאָוו, מ. פּאָזנאַנסקי, אַ. קורץ, ה. פלאַום.
גרויסער כאָר און פערגרעסערטער אָרקעסטער אונטער דער ליטונג פון דיריגענט ל. זעלצער.
בילעטען צו בעקומען אין דער קאַסע פון זאַל פילהאַרמאָניע.

נייער פאָלקסבלאַט

דאָס לאָדזשער לעבען

נייער פאָלקסבלאַט

פרייטאָג 17 כה תשרי תרצ"א

אָקטאָבער
זון-אויפגאַנג 5.55
זון-אונטערגאַנג 5.49

ליכט-צינדען: 4,28

מ'שלעפּט אַף די ביטערע צרות

טעגליכע כראָניק פון האַנדעלס-געריכט

דאָס האַנדעלס-געריכט איז אויף דער זיצונג פון 14. ה. ח. נאָכגעקומען די ביטע פון דער אַקציען-געזעלשאַפט „לעאָנהאַרדט, וועלקער און גירבאַרדט" און פנאָך אַמאָל פערלענגערט דעם טערמין פון פּראָלאָנגאַציע אויף דריי חדשים — ביז 8-טען יאַנואַר ה. י. די פירמע האָפט אין דעם דאָזיגען טערמין אַדורכצופיהרען די פולשטענדיגע סאַנאַציע פון איהרע געשעפטען.

אויף דערזעלבער געריכטס-זיצונג איז אויך בעטראַכט געוואָרען די בקשה פון דער פירמע „פּרעבסקי און יודעלעוויטש" (קאָפּערניק-גאַס 62) און עס איז בעשלאָסען געוואָרען נאָכצוגעבען זי אין דעם זין, אַז די חובות זאָלען רעגולירט ווערען אויף 50 פּראָצ. מיט דעם צוטיילען זיי אויף 4 גלייכע ראַטעס, צאָהלבאַר יעדער האַלב יאָהר.

בנוגע דער פירמע „אַגינסקי און ליבערמאַן" איז בעשלאָסען געוואָרען צו פּראָלאָנגירען אויף אַ חודש דער טערמין אויף צו רעגיסטרירען די חובות.

דאָס נעמליכע איז אויך אָנערקענט געוואָרען אויף ווייטערע 2 וואָכען פאַר דער פירמע „ברידער ב. און מ. שוואַלבע", פעטריקאָווער 85.

דער יודישער פאַבריקאַנט אַרטור קאַפּעל

האָט זיך דערשאָסען אין זיין אייגענער וואוינונג

(2) מיט 7 יאָהר צוריק האָט דער לאָדזשער יודישער אינדוסטריעלער אַרטור קאַפּעל חתונה געהאַט מיט זיין איצטיגער פרוי סטעפאַניא. אַזוי ווי סטעפאַניא איז אַ קאַטוילישע, האָט ער מיט איהר חתונה געהאַט אין קאַטאָוויץ אויף אַ ציווילען אופן און זיך בעזעצט אין לאָדז אויף פּיעטריקאָווער 255.

נאָך דער חתונה האָט קאַפּעל אין לאָדז געגרינדעט מיט אַ געוויסען גראָסמאַן די שותפות-פירמע גראָסמאַן און קאַפּעל אויף דער גאַס פון קאָנעוואָר שיסער פולק. די פאַבריק האָט בעשעפטיגט 24 וועב-שטוהלען.

מיט עטליכע חדשים צוריק איז קאַפּעל אַרויס געטראָטען פון דער שותפות און איז אָנגעקומען אַלס דירעקטאָר אין דער אַפּרעטור סענדער (שעגקעוויטש 113). זייט דאַן איז ביי איהם געוואָרען אַ געדריקטע שטימונג.

מיט אַ פּאָאָר חדשים צוריק האָט זיין פרוי בעמערקט, אַז ער מאַכט אָרדנונג אין זיינע פּאַפּירען, פערניכטעט אייניגע און בעהאַלט פאָטאָגראַפיעס א. אז. וו. דער פרוי איז דער ענין געוואָרען פערדעכטיגט און זי האָט פערפיהרט מיט'ן מאַן אַ שמועס און אַרויסגעקריגען פון איהם, אַז ער איז אין אַ זעהר געדריקטער שטימונג. זי האָט אָבער ביי איהם אויסגעפּועל'ט אַ פערזיכערונג, אַז ער וועט זיך נישט טון קיין שלעכטס.

אַזוי איז אַריבער אַ צייט פון צוויי חדשים און דער פרוי האָט געשיינט, אַז קאַפּעל האָט זיך בערוהיגט און אַלץ וועט געהן כשורה.

נעכטען ביינאַכט איז אַרטור קאַפּעל געקומען אַ היים, ער האָט זיך פריינדליך בעגריסט מיט דער פרוי און זיך געזעצט צום טיש. ווען די פרוי איז אַרויס פון צימער האָט זי מיטאַמאָל דערהערט אַ שאָס און ווען זי איז אַריינגעלאָפען אין עס-צימער האָט זי דאָרט געטראָפען דעם מאַן שוין אַ טויטען מיט אַ קויל אין רעכטען שלייף און מיט אַ ברוינינג אין דער רעכטער האַנד.

דער אַרויסגערופענער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט דעם טויט. קאַפּעל וועט בעגראָבען ווערען אויפ'ן יודישען בית-עולם.

דער „צדיק איז פּעלצער"

איז משפּיע דעם לאָדזשער יונגען קאָמוניסט...

(א) די היגע פּרעסע-אַגענטור „וואַפּ" ברענגט פאָלגענדע סענסאַציאָנעלע ידיעה:

בשעתו, אין יולי 1926 איז אין לאָדזשער קרייז-געריכט פאָרגעקומען אַ פּראָצעס געגען עטליכע מיטגלידער פון פּראַפּעס. נאָדעל-פּעראַיין, וועלכע זענען פערמשפּט געוואָרען אויף שווערע טורמע פון 3 חדשים ביז 2 יאָהר. דאַן האָט אויפ'ן פּראָצעס, געהאַט עדות געזאָגט געגען די בעשולדיגטע אַ געוויסער חיים ווייצמאַן פון קאַליש. ווי עס איז אויך בעקאַנט, איז בעת'ן פּראָצעס, אין געריכטס-זאַל, געווען דער 19-יאָהריגער קאַמאַשען-מאַכער יעקב שלענצקי. דער דאָזיגער יונגערמאַן האָט זיך גוקם געווען אין דעם פּעררעטער ווייצמאַנען דערמיט, וואָס ער האָט איהם דערשאָסען.

אין עטליכע חדשים אַרום איז דער זעלבער שלענצקי געשטאַנען פאַר'ן געריכט, וואָס האָט איהם פערמשפּט אויף 15 יאָהר שווערע טורמע פאַר'ן מאָרד, און פאַר'ן געהערען צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — אויף 5 יאָהר. שלענצקי איז אַריבערגעשיקט געוואָרען אין דער מאַקאָטאָווער טורמע, וואו ער האָט זיך בינו לבינו בעקאַנט מיט דעם געוועזענעם רוסישען גלח לאַטישענקאַ, וועלכער קומט דאָרט אָפּ אַ 15-יאָהריגע שטראָף פאַר דערהרגענען דעם גענוזע. וואַרשאַווער אַרכימאַנדריט געאָרגי. אונטער דער השפּעה פון דעם דאָזיגען „צדיק אין פּעלצעל", דעם גלח-מערדער, זאָל זיך ביי שלענצקין האָבען איבערגעקעהרט אין מוח, און פון „לעניניזם" זאָל ער האָבען בדעה אַריבערגיין צום קריסטענטום שלאָגענדיג כפּרות מיט זיין יודישקייט...

די פּרעסע-אַגענטור איז מודיע, אַז שלענצקי האָט זיך מחמת דעם געווענדעט צו דער וואַרשאַווער פּראָקוראַטור מיט אַ ספּעציעלער בקשה מ'זאָל איהם דערלויבען אַנצונעהמען „פּראַוואָסלאַוויע", און איהם... מוחל זיין ד יהאַרבע שטראָף, וואָס ער האָט זייבערצייט בעקומען פון געריכט.

פּראָצעס וועגען אַ פאַלשער שבועה

(פ) דעם 27. מאַי 1927 האָט דאָס קרייז-געריכט בעטראַכט דעם פּראָצעס געגען ישראל עפּשטיין, וועלכער איז געווען בעשולדיגט אין טרייבען ליכווע ביים באָרגען געלד.

פון אַפּריל ביז אויגוסט 1924 האָט עפּשטיין געבאָרגט העניך ראַטבערגען (ציגעל גאַס 19) 1,700 דאָלאַר, רעכענענדיג 15 פּראָצענט אַ חודש, וויסענדיג, אַז ראָטבערג מוז זיך באָרגען דאָס געלד, ווייל ער האָט געהאַט אַ קראַנק ווייב און האָט איבערגעלעבט אַ שווערען האַנדעלס-קריזיס.

ראָטבערג האָט דעם פּראָצענט געצאָהלט און האָט גלייכצייטיג איינגעקלאָגט עפּשטיינען פאַר ליכווע.

אויפ'ן פּראָצעס איז עפּשטיין בעפרייט געוואָרען פון אַ שטראָף, ווייל דער עדות זיגמונד פסאַכיע האָט אונטער אַ שבועה ערקלערט, אַז בשעתו האָט זיך צו איהם געווענדעט ראָטבערג מיט אַ בקשה וועגען בעקומען פאַר איהם אַן הלוואה פון 2000 דאָלאַר. פסאַכיע האָט זיך געווענדעט צו עפּשטיינען און צוזאַמען זענען זיי אוועק צו ראָטבערגען ווען עפּשטיין האָט געבאָרגט 1,700 דאָלאַר אויף 2 פּראָצענט אַ חודש.

צומאָרגענס נאָך'ן פּראָצעס האָט זיך איצעק לובינסקי, זאַוואַדזקאַ 12 געווענדעט צו פסאַכיען מיט אַ פראַגע פאַר וואָס ער האָט אין געריכט פאַלש געשוואוירען, הגם ער ווייסט אויסגעצייכענט, אַז עפּשטיין האָט גענומען פון ראָטבערגען 15 פּראָצענט דערויף האָט זיך פסאַכיע אויסגעשמייכעלט און געזאָגט: וואָס געהט דאָס מיך אָן, איך מוז דאָך עפּעס פערדינען". וועגען דעם האָט מען געמאָלדען דער פּאָליציי, וועלכע האָט פסאַכיען אַרעסטירט, ביי דער אויספאָרשונג האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פסאַכיע איז נישט געווען אָנוועזענד ווען עפּשטיין האָט אָפּגערעדט מיט ראָטבערגען וועגען די פּראָצענטער און בעת'ן קרייז-פּערהער האָט זיך זאכיע סותר געווען אין די ערקלערונגען.

נעכטען איז אין קרייז-געריכט פאָרגעקומען פסאַכיעס פּראָצעס.

דער בעשולדיגטער האָט זיך נישט מודה געווען, אַז ער האָט אין געריכט פאַלש געשוואוירען, זאָגענדיג, אַז ער זיצט אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק צוליב נקמה פון זיינע בעקאַנטע.

דאָס געריכט האָט אַרויסגעטראָגען אַ בעפרייאונגס אורטייל.

פּראָצעסען געגען די געוו. דעפּוט. צערבע און איוואַשקעוויטש

(2) אין היגען געריכט איז נעכטען פאָרגעקומען דער פּראָצעס געגען געוו. דעפּוטאַט צערבע, וועלכער איז בעשולדיגט געוואָרען, אַז ער האָט אין 6. אָקטאָבער 1929 בעוויטיגט א פּאָליציי-פּאָרשטעהער פון צוזאַמענפאָהר פון די דייטשע סאָציאַליסטען, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון שטאָט-ראַט.

אַדוואָקאַט האַרטמאַן האָט פערלאַנגט אָפּצולעגען דעם פּראָצעס, כדי אַרויסצורופען עדות, וואָס זאָלען בעשטעטיגען, אַז דער דערמאָנטער צוזאַמענפאָהר איז פאָרגעקומען אין גאַנצען בנין פון שטאָט-ראַט, דעריבער האָט די פּאָליציי נישט געהאַט קיין רעכט אַריינצוגעהען אין זעלבען בנין.

דער פּראָצעס איז אָפּגעלייגט געוואָרען אויף דעם 23. אָקטאָבער.

* * *

(2) אין שטעטישען געריכט איז נעכטען פאָרגעקומען דער פּראָצעס געגען געוו. דעפּוטאַט א. וואַשקעוויטש, וועלכער איז בעשולדיגט געוואָרען, אַז ער האָט אין יאָהר 1928, בעת'ן טעקסטיל-אַרבייטער-שטרייק זיך אַריינגעריסען אין לאָקאַל פון „פּראַצאַ פּאָלסקאַ" און דאָרט געמאַכט אַן אַוואַנטורע צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון זיינע חברים.

די אַרויסגערופענע עדות האָבען ערקלערט, אַז זיי געדענקען שוין נישט וואָס עס איז דאַן פאָרגעקומען.

דער בעשולדיגטער איז בעפרייט געוואָרען.

בייפ פערמאַטערטע און אונפעהיגע צו דער ארבייט

דערוועקט די בלוט-צירקולאַציע, פערשטאַרקט די נערוואָסן פעהיגקייט צו טראַכטען און לוסט צו דער אַרבייט. צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען און סקלאַד אַפּטעקאַרסקע.

דאָרפישע פּראָטעסטען

(מיט און אָהנע פּראָטעסט)

ווערען שנעל און פּינקטליך איינקאַסירט דורך די איבעראַל בעקאַנטע ביטשריפט ביוראָ

„POLPRAW"

נאַרוטאָוויטשאַ 1, טעל. 170-01

די אינקאַסאָ פון פּראָטעסטען ווערט ערלעדיגט מיט שנעלע פערבינדונג מיט אַ סאָמכתא.

זאַל פילהאַרמאָניע

טעל. 213-84

דאָנערשטאָג, דעם 23-טען אָקטאָבער 1930, 8.30 אָוועגד ווערט

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי

האַלטען אַ רעפעראַט אויף דאָס טעמאַ:

„ענגלאַנד, אַראַבער און יודען"

בילעטען קען מען בעקומען טעגליך אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע פון 10.30 פריה ביז 2 אַ זייגער נאָכמיטאָג ווי אויך פון 4 אַ זייגער נ"מ ביז 7 אַ זייגער אָוועגד.

רעגיסטראַציע פון יאָהר-גאַנג 1910

היינט, פרייטאָג דעם 17 אָקטאָבער דאַרפען זיך אין דער פּאָליצייאיש-מיליטערישער אָפּטיילונג ביים מאַגיסטראַט (פּיעטרקאָווער 212) רעגיסטרירען די געבוירענע אין 1910 יאָהר וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון 3 פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט און זייערע פאַמיליען-נעמען הויבען זיך אָן אויף

S Sz

און פון 10 פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט

A B C D E F G H Ch I J K

ביים רעגיסטרירען זיך דאַרף מען מיטברענגען אַ פּאַס, אַ מעטריקע אָדער אַנ'אַנדער דאָקומענט; אַ שול-צייגניש. האַנדווערקער דאַרפען אויך צושטעלען אַ צעך-צייגניש.

פערזאָנען, וואָס קענען נישט בעווייזען זייער אָנגעהעריגקייט צו אַ פרעמדער מלוכה מוזען זיך אויך רעגיסטרירען.

דרינגענדע הילף פאַר אַרבייטסלאָזע

דער מאַגיסטראַט איז מודיע, אַז עס האָט זיך שוין אָנגעהויבען די רעגיסטראַציע אויף דרינגענדע הילף פאַר אַרבייטסלאָזע, וועלכע האָבען דערהאַלטען אונטערשטיצונגען פאַר אויגוסט 1930 י. און וואָס האָבען אין אויגוסט אויסגעשעפּט אַלע ראַטעס פון אויסגאָווע שטיצע פון אַרבייטסלאָזען פאָנד. אויף דער דרינגענדער רעגירונגס-הילף האָבען דאָס רעכט נאָר די אַרבייטסלאָזע, וועלכע האַלטען אויס פאַמיליעס. פריילייגע און פערהייראַטע אָהן קינדער האָבען נישט קיין רעכט אויף דער שטיצע. אַרבייטסלאָזע, ביי וועלכע עס אַרבייט כאָטש איינער פון דער פאַמיליע, אָדער עס בעקומט כאָטש איינער שטיצע, האָבען אויך נישט קיין רעכט אויף דער שטיצע.

דאָס רעגיסטרירען זיך אויף דער שטיצע קומט פאָר אויף גאַס פון 28 פולק נומער 32 פון 9 פריה ביז 2 ביינאַכט לויט פאָלגענדער סדר

היינט, פרייטאָג — P R S

שבת — T U W Z Ż

לאָדז — יאַפאָ

א טעלעגראַפישע און טעלעפאָנישע פערבינדונג

(ה.) דער פּאָסט-אַמט אין לאָדז האָט בעקומען אַ מעלדונג פון פּאָסט- און טעלעגראַפען-מיניסטעריום, אַז פון דעם 1. נאָוועמבער איז וועט זיך אָנגעהויבען אַ פערקעהר פון פּאָסט-אַנווייזונגען מיט גריכענלאַנד, עגיפּטען און אַ טעלעגראַפישער פערקעהר צווישען פּוילען און יאַפאָ. דער אָפּצאָהל פאַר אַ וואָרט וועט בעטרעפען 1 פראַנק 15 סאַנטימ (198) ביים מינימום אָפּצאָהל פון 39 זל. 60 גר. פאַר 20 ווערטער. די דעפּעשען וועלען צוגעשטעלט ווערען אויפ'ן 3 — 4 טאָג נאָכ'ן אָנגעבען זיי. גלייכצייטיג ווערט איינגעפיהרט דאָס אַראָפּשרייבען דורך דייטשלאַנד פון 10 קילאָ-ווייגע פּעקלעך און פערקעהר מיט שפּאַניען, קאַנאַריען-אינזלען, שפּאַניש מאַראָקאָ, ווי אויך פון 15—20 קילאָ-ווייגע פּעקלעך און פערקעהר מיט אַרגענטינע.

פּאָליטישער פּראָצעס

(2) אַלס בעשולדיגטע אין אַנטי-מלוכה'שע טעטיגקייט האָט דאָס קרייז-געריכט נעכטען געמשפּט העב 19-יאָהריגען ראָבן פראַוו און דעם 22-יאָהריגען ועניאַ הושיך.

דער ערשטער איז פערמשפּט געוואָרען אויף א יאָהר טורמע, און דער צווייטער איז, מחמת מאַנגעל אין בעווייזען, בעפרייט געוואָרען.

תשעה ירחי „זיצעניש"

פאַר'ן פערשווענדען 17,187 גילדען

(2) דאָס קרייז-געריכט האָט נעכטען פערמשפּט די צוויי זגערזשער מאַגיסטראַט-בעאַמטע בערנאַרד וויטשאַרעק און אַבראַם ליבערעס אויף 9 חדשים טורמע פאַר'ן פערשווענדען 17.187 זל. מיט 1 גראָשען מאַגיסטראַט-געלד.

מיט 1 גראָשען פּונקט אויסגערעכענט.

אונאָפּהענגיג פון דער שטראָף, האָט דאָס געריכט אָנערקענט דעם זגערזשער מאַגיסטראַט אַ ציווילע פּאַקציע אויף דער אויפגענומענער סומע.

פון ארבייטס-געריכט

(2) אין אַרבייטס־געריכט איז פאַרגעקומען דער פּראצעס געגען איינוואוינער פון פּיראמאָוויטשא 2 וואַרשאַוווסקי, וועלכער איז אָנגעקלאָגט געוואָרען דורך מאַניא וואַלד, וועלכע איז געווען אָנגעשטעלט ביי וואַרשאַוווסקין אַלס ערציהערין צו די קינדער. וואַלד האָט געפאָדערט פון איהר געוו. בעל הבית די שכירות פאַר׳ן לעצטען אָפּגעאַרבייטען חודש.

דאָס געריכט האָט וואַלדס פאָדערונג צוגע־שפּראָכען צוזאַמען מיט 10 פּראָצענט פון 27. יוני און צו בעצאָהלען געריכטס־קאָסטען.

זיך געסמט צוליב נויט

(2) אויף כלאָדנא 14 האָט זיך פּערסמט דער 32־יעהריגער עדוואַרד איגליק. אויפ׳ן וועג צום שפּיטאָל איז דער זעלבסטמערדער געשטאָרבען.

די סבה פון דעם טראַגיש־פערצווייפעלטען שריט איז נויט, זייענדיג אַרבייטסלאָז האָט דער אומגליקליכער געהונגערט מיט זיין ווייב און איינציג קינד.

אָפּגעשטעלט צייטווייליג די עמיגראַציע קיין בראַזיליען

די היגע אָפּטיילונג פון דער צענטראַלער יודי־שער עמיגראַציע־געזעלשאַפט „יעאָס" האָט בעקומען אַ מיטיילונג, אַז צוליב דער רעוואָלוציע אין בראַזיליען האָט דער פּוילישער מלוכה־עמיגראַציע אַמט אָפּגעשטעלט צייטווייליג דאָס אַרויסגעבען ווי־זעס קיין בראַזיליען. אַלע עמיגראַנטען קיין בראַ־זיליען דאַרפען דעריבער נישט פאָהרען קיין וואַר־שאָ צום טראַנספּאָרט ביז זיי וועלען נישט בעקו־מען קיין ןמיטיילונג, אַז דער עמיגראַציע־אַמט גיט שוין ווידער אַרויס וויזעס.

אויספאָדערונגען אויף ידיעות פון קרובים

אין דער היגער אָפּטיילונג פון „יעאָס", קי־לינסקיעגא 49 זענען אָנגעקומען דאָקומענטען און בריף פון קרובים פאַר פאָלגענדע פּערזאָנען: גאָלד־בערג לייב, ברוך גלאַט, קאַצנעלעווסקי יק, מירלא סאַלא און אייזענשטיין חיים מ.

אַלע אויבען אויסגערעכנטע פּערזאָנען דאַרפען זיך מעלדען אין „יעאָס", קילינסקיעגא 49 אין די ביוראָ־שעה׳ן.

היינט לעצטער טערמין אַריינצוגעבען קאַנדידאַטען־ליסטעס

(פּ) היינט איז דער לעצטער טערמין פון אַריינגעבען די קאַנדידאַטען־ליסטעס.

ליסטעס, וואָס וועלען אַריינגעגעבען ווערען נאָך 8 אין אָוונד, וועלען נישט ווערען אָנגענומען.

א משוגענער מערדער

(2) דעם 22. אַפּריל איז א געוויסער וולאַדיס־לאַוו אַמבראַזשיאַק (28 יאָהר אַלט) בעפאַלען זיין אייגען ווייב סטאַניסלאַווא און זי שווער פערוואונ־דעט אין קאָפּ מיט אַ האַק. נעכטען איז דער פּער־שוין געשטאַנען פאַר׳ן היגען קרייז־געריכט, וואו ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער טויטען־שלעגער איז בכלל אַן אַנאָרמאַלער און אַ חסר־דעה, אַזוי אַז די פערטיידיגונג האָט אויסגעפירט, מ׳זאָל איהם אידער׳ן אַרויסגעבען דעם פּסק־דין, שיקען צו אַן אָבסערוואַציע אין טוואַרקער משוגעים־הויז.

גענעראל-פערזאמלונג אין „יעאס"

די ערשטע יעהרליכע גענעראַל־פערזאַמלונג פון דער היגער אָפּטיילונג פון „יעאָס" נאָך דער רעאָרגאַניזירונג פון היגען ביוראָ, איז בעשטימט געוואָרען אויף דעם 2. נאָוועמבער ה. י.

גנבה אין דער יודישער יתומים-בורסע

(—) נעכטען אין אָוונט האָבען זיך גנבים אַריינבעקומען אין דער יתומים־בורסע אויף פּאָר מאַרסקא 41 און פון דאָרט צוגע׳גנב׳עט פיל וועש און אַנדערע זאַכען.

אפּטייקען

די היינטיגע נאַכט דיזשורען

(2) עפּשטיין, (פּעטריקאָווער 225) ; באַרטאַר־שעווסקי, (פּעטריקאָווער 95) ; ראָזענבלום, (צעגעל־ניאַנא 12) ; גאָרפּיין, (פּילסודסקי 54) ; קאַפּראָנאָווסקי, (נאַוואָמיעסקא 15).

פערזענליכעס

(2) דער באַטשעלניק פון אויספאָרשונגס־פּאָ־ליציי אויבער־קאָמיסאַר ווייער, איז קראַנק געוואָרען. איהם פערטרעט דער קאָמיסאַר מאַק.

א שרעקליכער טויט

(ב) אויף שלאָנסקא גאַס איז אַראָפּגעפאַלען פון אַ פוהר דער 17־יעהריגער מאַריאַן לעקער און איז אויפ׳ן אָרט דערהרגעט געוואָרען.

געשלאגען שטרייק-ברעכער

(א) אין די צעגעלניעס אין קסאַווערעוו איז אויסגעבראָכען אַ שטרייק פון די אַרבייטער. אויף די ערטער פון די שטרייקענדע האָבען זיך געשטעלט אַרבייטען שטרייק־ברעכער צוליב וואָס עס איז אויסגעבראָכען אַ בלוטיג געשלעג צווישען די שטרייקער און שטרייק־ברעכער.

זיך אראפגעווארפען פון 3 שט. און דערהרגעט געווארען

(2) אויף פּעטריקאָווער 277 האָט זיך אַראָפּ־געוואָרפען פון 3. שטאָק די 33־יעהריגע יוזעפאַ גיעראַס, אַ דינסט־מיידעל און איז אויפ׳ן אָרט דערהרגעט געוואָרען.

די סבה איז נישט בעוואוסט.

די 3-טע אלפוילישע לאנדעס-קאנפערענץ פון „החלוץ המרכזי" אין פוילען

מאָרגען שבת אווענד קומט פאָר אין לאָקאַל פון דער היגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צעגעל־ניאַנא 4 די ערעפנונג פון דער לאַנדעס־קאָנפערענץ פון „החלוץ המרכזי" אין פּוילען.

אויף דער טאָג אָרדנונג: פראַגען פון אָרגאַני־זאַציע, קולטור־אַרבייט, הכשרה, און עליה, פּרעסע, די בעציהונג צו די אַנדערע חלוצישע אָרגאַניזאַציעס, די אַרבייט פאַר דעם ק.ק.ל., די פּערספּעקטיווען אין ארץ ישראל, וואַהלען פון אַ צענטראַלע און בודזשעט

אונטערגעצינדען צוליב נקמה

(א) אין דאָרף לושטשין איז אויסגעבראָכען אַ שרפה ביים לאַנדווירט פּעטזשיק. עס איז פערברענט געוואָרען דער פּאַלוואַרק מיט אַ וויאַטראַק.

ווי עס שטעלט זיך אַרויס האָט דאָס פּאַלוואַרק אונטערגעצונדען א בעטלער צוליב נקמה.

איינשפריצונג געגען „היינע-מעדינע"

(מ) צוליב דעם, וואָס עס זענען שוין פאָרגעקו־מען אין לאָדז 2 פאַלען פון „היינע־מעדינע" קראַנק־הייט, האָט די געזונדהייטס־אָפּטיילונג ביים מאַגי־סטראַט זיך געווענדעט צום פּאַסטער־אינסטיטוט אין פּאַריז צו שיקען קיין לאָדז די איינשפּריצונגען געגען דער דאָזיגער קראַנקהייט.

דער פּאַסטער־אינסטיטוט האָט געשיקט דעם לאָדזער מאַגיסטראַט 2,000 גר. „סיראָוויצע".

כאלערא צווישען עופות

(2) דער וועטערינאַר־אַמט איז מודיע, אַז אויף קאָפּערניקא 18 איז אויסגעבראָכען כאָלערא צווישען עופות.

פון „מרכז עברי"

מוצאי שבת קומט פאָר אין „מרכז עברי" אין לאָקאַל פון דער ציוניסט. אָרג. (צעגעלניאַנא 4) א פייערליכע ערעפנונג פון די סעמינאַריעס פאַר העברעאישע ליטעראַטור און פון יודישע וויסענ־שאַפט און קונסט.

קלאַנג־פילם־טעאַטער
CASINO
היינט פּרעכטיגע פּרעמיערע!
גרויסער קלאַנג־זינגענדער
— שטימונגס־פילם ז. נ.: —
אַרימער גיגאָלאַ
מיסטעריעזע ליבעס־דראַמע מיט
אַן׳אימפּאָנירענדע אויסשטאַטונג
און זעהר ריהרענדען אינהאַלט.
אין דער הויפּטראָלע
די נייעסטע פילם־בעריהמטהייט
MARJON SAXON
Jack Egan i Luize Fazenda
אָנהויב פון די סעאַנסען 4, 6, 8 און 10 אָוו.
שבת און זונטאָג פריהמאָרגען־פאָרשטעלונגען
פון 12 — 3 נאָכמ. צו די נידריגסטע פּרייזע.

היינט פארלעזונג וועגען מאר-שאלעק פילסודסקי

היינט, 6 אָווענד קומט פאָר אין פילהאַר־מאָניע די פאָרלעזונג פון ד״ר ליפּינסקי וועגען „יוזעף פּילסודסקי אַלס שעפער פון פּוילען׳ס אומ־אָפּהענגיגקייט".

יודיש טעאטער

אין פילהארמאניע

אויף אַ קורצע צייט קומט קיין לאָדז די בע־קאַנטע שוישפּילערין אַננאַ יאַקובאָוויטש, וועלכע האָט זיך קונה שם געווען מיט איהרע אויפטריטען אין לאָדז, צו איהרע ערשטע אויפטריטען פרייטאָג אָווענד, שבת בייטאָג און שבת אָווענד ווערט גע־געבען די שלאַגער־פּיעסע „אַמעריקאַנער חתונה", וועלכע איז זעהר רייך אין מוזיק און אויסשטאַטונג.

גרויסער ערפאלג

פון „ארטש"

נאָך די אויספאַרקויפטע פאָרשטעלונגען אין די יום־טוב־טעג, געהט ווייטער דאָס פּראָגראַם „גוט מאָרגען קאַזע" מיט דעם גרעסטען ערפאָלג.

אַלע אָהן אויסנאַהם נומערען פון גרויסען פּראָ־גראַם ווערען מיט התפעלות אויפגענומען דורכ׳ן פּובליקום די דעקאָראַציעס ווערען בעוואונדערט, די מוזיק אַנערקענט.

היינט ווערט געגעבען 2 פאָרשטעלונגען: 7,45 און 9,45. מאָרגען, שבת, 3 פאָרשטעלונגען: 4, 7,45 און 9,54.

רעוויו „דאברי וויעטשור"

היינט ווערט געגעבען אין „דאָברי וויעטשור" די פרעהליכע רעוויו: „מיר בעגעגענען זיך אויף קאָפּערניקאַ".

עס נעהמען אַנטייל: מעלאַריסטאַ, טאַמסקאַ, בושאַאָווסקאַ, גאַטשינסקאַ, בושאַוב, יאַנעצק, לאַם קאַזסקי, ראַמבראָווסקי, פּאַטראָווסקי א. אַנד.

עלעגאנטע פרויען
נוצען אויס דעם פּערקויף פון פערשידענע מאָדערנע פּאַלקעס מיט נאַטירליכע
פּאַריזער שרינגען
בעשטעלונגען ווערען ערשטקלאַסיג אויסגעפיהרט
קאָנסטאַנטינער 15, צוקער,
מעדליך פּריזערקעס קענען זיך מעלדען.

וואהל-קאמיטעט פון דער ארימ-קייט אין באלוט און ראדאגאשטש

מיר זענען מודיע דער אַרבייטענדיגער און אָרימער בעפעלקערונג פון באַלוט און ראַדאָ־גאָשטש, אַז אויף אַ פערזאַמלונג פון אַרבייטער און בעלי־מלאכות איז בעשלאָסען געוואָרען צו שאַפען אַ וואַהל־קאָמיטעט פון דער אָרימקייט אין באַלוט און ראַדאָגאָשטש. מיר וועלען פאָדערן פון אונזערע פערטרעטער אין סיים, אַז זיי זאָלען קעמ־פען: 1) אַז יודישע אַרבייטער און בעלי־מלאכות זאָלען אָנגענומען ווערען אין די מלוכה׳שע און שטאָטישע אינסטיטוציעס צוגלייך מיט די פּוילישע 2) אַז די יודישע אָרימע קינדער זאָלען האָבען אַנ׳אומזיסטע שולע אויף זייער מוטער־שפּראַך — אויף יודיש. 3) אַז אַרבייטער און סתם אָרימע זאָלען נישט קאָנען אַרויסגעוואָרפען ווערען פון זייערע דירות און זיי זאָלען צאָהלען קלענערע דירה געלד, 4) אַז אַרבייטער אין קלענערע אונטערנעה־מונגען זאָלען אויך זיין פערזיכערט, אַז אָרימע אַלטע און קראַנקע זאָלען אויסגעהאַלטען ווערען אויפ׳ן חשבון פון דער מלוכה, 5) אַז ס׳זאָל מעהר נישט זיין קיין מלחמות, 6) אַז זיי זאָלען אין סיים בכלל זיך ענטקעגענשטעלען די פאָדערונגען פון די פּריצים און גבירים און נישט דערלאָזען צו־צונעהמען די רעכט פון דער אָרימקייט אויף לע־בען, אַרבייט און פרייהייט.

מיר האָבען נישט בדעה אַרויסצושטעלען אַני־אייגענע ליסטע, ווייל מיר ווילען נישט צוברעקלען די כוחות. מיר פאָדערן אָבער אויף די גאַנצע יו־דישע אָרימקייט זיך צו זאַמלען אַרום אונז, בכדי שפּעטער צוזאַמען אונטערשטיצען אַזאַ ליסטע, וואָס וועט געבען די גאַראַנטיע, אַז זי וועט פערטיידיגען אונזערע פאָדערונגען.

19084

וואַהל־קאָמיטעט פון דער אָרימקייט אין באַלוט און ראַדאָגאָשטש אין לאָדז.

מעלדונגען

געזעלשאַפט צו פערשפּרייטען מלאכה און ערד־אַרבייט צווישען יודען „אָרט" אין לאָדז, וואָול־טשאַנסקא 27, טעלעפ. 23־111.

די פערוואַלטונג פון „אָרט" אין לאָדז מאַכט דערמיט בעקאַנט, אַז דאָנערשטאָג, דעם 16־טען אָקטאָבער 1930 הויבען זיך אָן די לימודים אויף פאָלגענדע קורסען: 1) רונד־קראַפּט־זאָקען, 2) קראַפּט־שפּולען, 3) קראַפּט־קעטלען, 4) וועש־ניי־עריי, 5) דאַמען און קינדער־קאָנפעקציע, 6) מאַשין־האָפּט, 7) האַנט־האָפּט, 8) מאַניקור, 9) אַנדו־לאַציע, 10) מענער־צושניידעריי, 11) דאַמען־צו־שניידעריי, 12) אָווענט־קורסען פאַר האַנדווערקער.

איינשרייבונגען אויף די דערמאָנטע קורסען נעמט נאָך אָן די קאַנצעלאַריע פון „אָרט", וואָול־טשאַנסקא 27, אין די ביוראָ־שעה׳ן.

די העברעאישע אָוונט־קורסען „התחיה" צעגעלניאַנא 75, טעל. 13־134.

מאַכען בעקאַנט, אַז אַלע העברעאישע און ענג־לישע גרופּען פאַר אָנפענגער און פאָרטגעשריטענע הויבען זיך אָן דינסטאָג, דעם 21 אָקטאָבער. איינ־שרייבונגען ווערען אָנגענומען זונטאָג, דינסטאָג און דאָנערשטאָג פון 8—10 אָוו. אָפּצאָהל 1 זלאָטי וועכענטליך.

19073

די יעהרליכע גענעראַל־פערזאַמלונג פון דער ציוני־סטישער אַרבייטס־פאַרטיי „התאחדות" אין לאָדז.

מאָרגען, שבת, 8 אָווענד פּינקטליך קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל שיענקעוויטשא 3־5 די יעהר־ליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג מיט פאָלגענדען טאָג־אָרדנונג: 1) ערעפענונג, 2) וואַהל פון אַ פּרעזידיום, 3) אַלגעמיינע בעריכט, 4) בעריכט פון דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע, 5) די צוקינפטיגע אַרבייט, 6) וואַה־לען פון אַ נייע פערוואַלטונג, 7) פרייע פאָרשלאַגען.

צו אַלע חברים איז אַרויסגעשיקט געוואָרען איינלאַדונגען. די פערזאַמלונג הויבט זיך אָן פּינקט־ליך ביי יעדע צאָהל מיטגלידער.

19075 — די פערוואַלטונג.

השבת אבדה
מיטוואָך האָב איך אין „אָרט" פערלוירען אַ פּאָרטפעל מיט דאָקומענ־טען ווי אַ פּאַס און אַנ־דערע פּאַפּירען, וועלכע האָבען פאַר קיינעם קיין שום ווערט נישט. דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען געגען בעלוינונג פון 10 זל. אָבצוגעבען צו קאָהן פּעפּער־גאַס 24

השבת אבדה
מיטוואָך האָב איך אַ „אָרט" פערלוירען אַ פּאָרטפעל מיט פערשידע־נע דאָקומענטען און אונ־טערגעשריבענע בלאַנק־וועקסלען, וועלכע האָב פאַר קיינעם קיין שום ווערט נישט. דער עה־רליכער פינדער ווערט גע־בעטען אָבצוגעבען געגען געגען בעלוינונג אין אדמ. פון דער צייטונג. די־רעקציע געוויכערט

English
קאָנווערזאַציאָן און ליטע־ראַטור פאַר אָנפענגער און פאָרטגעשריטענע. קאָ־רעספּאָנדענץ און איבער־זעצונגען אין ענגליש, יידיש, פראַנצויזיש, פּויליש רוסיש און העברעאיש
Markowicz,
Cegielniana 66

ראַדיאָ
אומגעוועהנליכע געלעגענהייט! די פירמע
„Elektros"
דז. ציגעל־גאַס 28
טעלעפאָן 156-59
פאַלע 10 טעג ווערען אויסגעשטעלט רעקלאַמע־פּרייזען אויף ראַדיאָ־אַרטיקלען. בעזוכט און איבערצייגט אייך.

א פראנט-צימער
אין דער געגענד פון זגערזשער גאַס ווערט גע־זוכט צו דיבגעץ
פּרייז שפּילט קיין ראָלע נישט. צו פערשטענדיג זיך טעלעפאָניש אוי, 11347 אַ גאַנצען טאָג

השבת אבדה
איך האָב פערלוירען אַ פּאָרטפעל מיט 10 זל. און אַ פּראָטעסטירטען וועקסעל אויף 320 זל. אויסשטעלער לייביש שליצקי, און אַ וועקסעל אויף 35 זל. אויסשטע־לער גאַל. דער ערליכער פינדער ווערט געבעטען אָפּצוגעבען געגען בעלוי־נונג צו נ. פּאַמעראַנץ אַלעיאַ קאָשטשושקי 26

לויז-ארבייט
ווערט אָנגענומען אויף ראַשעל מאַשינען. צו ער־פאַהרען פּאָמאָרסקאַ 43 ביים ווירט

שאכטעל-ארבייטער
יונגענדליכע ווי אויך פערז־מעדלעך און יונגלעך קענען זיך מעלדען. פּאָלודניאָווא 20 אין 2־טען הויף אין דער שאַכטעל־פאַבריק

עס ווערט געזוכט
האנד-נייהערס
צו מענער־מאַגאַזין ערשטע סאָרט קאָנסטאַנטינער 24 ביי נירענבערג

א נייהער
(שטעפּער) וואָס זאָל קע־נען ביים טיש ווי אויך אַ פּאָמאַצניק־ריפּסטעווער ווי אויך אַ לערן־יונגעל קענען זיך מעלדען קאָנסטאַנטינער 33 ביי סאַנקעוויטש
ס׳קען אויך זיין פון דער פּראָווינץ מיט קאָסט און לאָזשי

אַנ׳אבערלאק נייהערין
ווערט געזוכט פון זאַ־פּאָרט צו מעלדען זיך באַזאַרנאַ 1 ביי
אדעלא פּאַלאַנסקאַ

א פרעסער
אין 2 האַנד־נייהערס (ריינס) קענען זיך מעלדען ביים מענער־מאַגאַזין. שניידער נאָווא צעגעלניאַנאַ 10 רעכטע אָפיצינע 3 שט.

בוכהאלטעריע
איינפאַכע און דאָפּעלטע איטאַליענישע און אַמעריקאַנישע
ווי אויך מאַשין־שרייבען און רעכנען לערען איך אויס גרונטליך פאַר 30 זל. בלויז מאַשין־שרייבען 10 זל. פּיליצ־קיעגא 50 קח. אָפיציניע ערשטער שטאָק (פריהער צעגעלניאַנא 55) בעמערקונג: מ ר עוסלען אויך קאָרעס־פּאָנדענץ האַנדעלס־אַריטמע־טיק און סטענאָגראַפיע.

א ריכטעווער
און אַ געהילף־ריב־טעווער קענען זיך מעל־דען ביים קאַמאַשן־מאַכער
מ. ראָזענצווייג
ווסכאָדניאַ 50

א לעהרער
מיט רעגירונגס־רעכט 16 יאָהר פּראַקטיק, ערטיילט לעקציעס פאַר שילער און דערוואַקסענע: פּויליש, דייטש פראַנצויזיש, מאַטעמאַטיק, און בוכהאַלטעריע.
שיף, שוו. יאַקובאַ 12
רעכטע אָפיצינע 1 שטאָק ח 29

TRAN Leczniczy
świeży
poleca
Apteka J. Cymera
w Łodzi, Wólczańska 37,
róg 6 Sierpnia — — Tel. 139-47.

א וואוינונג
פון פון 3—4 צימערן און מיט אַלע בעקוועמליכ־קייטען אין דער געגענד פון זגערזשער און אומ־געגענד ווערט געזוכט צו דינגען. מעקלערס געוואונשען. אָפערטען אונטער „F."

Zaginiony został kwit na Nr. 7603 na weksel pł. 30/7 na zł. 50 wydany przez Staromiejski Bank Ludowy. Zwrócić takowy do Herszkopa Młynarska 19

השבת אבדה
איך האָב פערלוירען אַ וויטשאַנג אויפ׳ן נאָמען שלמה גרינשלאַג ווי אויך פינף דאָלאַר דער ערלי־כער פינדער ווערט גע־בעטען געגען בעלוינונג אָפּצוגעבען זאַוואַד.קאַ 6 ביי קאַסאָרוש

קלאנג-פילם-טעאטער
„MIMOZA"
ul. Kilińskiego 178.

היינט און פאלגענדע טעג!
לאנג-דערווארטעטער 100% קלאנג-פילם א. ג.
„הערצער-מעלאדיע"
הערליכער ליבעס-פילם פון אונגארישען מדבר, וואס רירט ביז צו די טיפענישען פון דער נשמה. א דראמע פון א דארפ'ש מיידעל, וואס איז פערליבט אין א בראווען קעמפער. אין די הויפטראלען:
DITA PARLO i WILLI FRITSCH
אויסערן פראגראם: רעוועלאציאנס-קלאנג-צוגאבע
אנהויב 5.30, 7.30 און 9.15, שבת, זונטאג און יום טוב 3.30 נ"מ
נעכסט. פראגראם: „פערפירענישען פון אייראפע" מיט Igo Sym

קירזשנער-ווערקשטעל
M. FARBER
פיעטריקאווער 27 קווער אפיצינע, 1. שט.
נעמט אן אלערלעי קירזשנער-ארבייטען לויט די נייעסטע מאדעלען און צו צוגענגליכע פרייזען.
בעקוועהמסטע בעדינגונגען! שנעלסטע אויספיהרונג!
בעמערקונג: ס'ווערט געזוכט פון זאפארט א שליסער.

פערטרעטונג פון קאלאמייער טליתים.	פערקויף פון שרייב-מאטעריאל	ספרים-סקלאד ווסכאדניא 34 פראנט-געשעפט	פערקויף פון שול-ביכער אין אלע שפראכען	ווילנער ספרים-סקלאד

מחזורים 25 פראצענט ביליגער!!!
דערמיט מעלדען מיר, אז דער ספרים-סקלאד „מסורה" איז איבערגעטראגען אויף ווסכאדניא 34, פראנט-געשעפט ווי אויך אינגאנג דורכ'ן טויער. צו בעקומען אלע ארט ספרים און לערער-ביכער, ספעציעלער אויסוואהל פון מחזורים, אויך די וועלט-בעריהמטע ווילנער רב פנינים-מחזורים. אויך מיט פוילישע איבערזעצונג, ש"ס, חומשים פסוקים, משניות, מדרשים, סדורים, טלתים, גארטלען, קאפלעך, ציצית, מזוזות.
צום נייעם שול-סעזאן פערקויף פון אלערליי שול-ביכער אויך שרייב-מאטעריאל, אזוי אז דאס חדר-יונגעל קאן זיך אלעס אויסנעמען ארט אנארדענט צו רעעלע פרייזען. מיר האבען געעפנט ביי דעם ווילנער ספרים-פערלאגען גרויסע הנחות ספעציעל פאר קינדער-גמרות פאר חדרים פון פירמע ראזענקראנץ, שרייבמאכער צו ביליגע פרייזען, אזוי אז דאס ארימע קינד וועט קויפען א ליכטיגע, ריינע, פינקטליכע ווילנער גמרא צום פרייז פון א ווארשאווער גמרא. געדענקט דעם אדרעס:
א.מ. גרובשטיין, ווסכאדניא 34, פראנט געשעפט אדער דורכ'ן טויער

נור אין דער בעוואוסטער פירמע פון דער אייזען-מעבעלפאבריק
I. B. Wołkowyski
שענקעוויטש 3|5
פאבריקס-לאגער איז: נאוראטוויטשא (דזיעלנא) 11, טעל. 137-70
א מבילינסטען מבעסטען מבעסוועמסטען

און דער גרעסטער אויסוואל כ'בעזין אויף לאגער א גרויסען אויסוואהל פון מעטאל - ניקעל-בעטען, פעלד-בעטען, מעטאלאחע פאטענט, פערפעקט גאראנטיע 5 יאהר, קינדער-וועגעלעך די נייעסטע פאסאנען, וואש-טישען, סערוויזען, וואזשי-מאטשקעס און אייזן-קיסטען

זיכערע הילף און א רפואה
אהיז א אפעראציע, אן בלוט, אהיז א מעסער און אהן בלוט-פערגיפטונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער ווייבער און קינדער. פערשידענע קאליקעס אין גוף פאר הויקערס אין פיס

פערלאזט אייך נישט, וויל דער ווינקעל-בראך וערט גרויס אזוי ווי א מענשען-קאפ, אדער אזוי ווי א וואסער-קאן און עס פאלט אריין אין דעם כיס און דער קראנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראנדיג און שטארבליך. ספעציעל גומענע הייל-באנדאזשען אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פראפעסארען מיט מיינע בעהאנדלונג און פון דייטשען פראפעסאר-דאקטאר פראכגרעזוינג בעוואוגען ווייכער דעם שוערסטען און געפעהרליכסטען

ברוך. אויך פאר הויקערס ליידענדען מיט הייל-גארטעלען און אפאראטען פאר פערקרומטע פיס און פלאט-פיס ספעציעלע אמגלאגען אין די שיך. קינסטליכע גומענע פיס און הענד, גומענע זאקען פאר די גרעסטע קראנקע אדערן.
עמפפאנגט פון 9 ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אין אווענד.
ארטאפעדישע אנשטאלט
Specialist J. RAPAPORT Ortoped von Lemberg
Łódź, WÓLCZAŃSKA 10, tel. 221-77, front, parter.
בעמערקונג: דאס געזעצליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונבעדינגט נויטיג. דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-פראפעסארען: פראפ. ד"ר בראנטש, פראפ. ד"ר י. מארישלער, פראפ. ד"ר בר. קיעלאנאווסקי און אויך אנדערע. מיר נעהמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען-קאסע

דאנקזאגונג.
דערמיט דריק איך אויס דעם בעסטען דאנק דעם הערן דיר. י. ראפאפארט, ספעצ. פאר ברוך, וועלכער נעמט אן אין לאדז, וואלטשאנסקא 10 טעל 22-177 פראנט פארט פאר זיין נעוויסענהאפטע פערלעגען מיר א גומענעם הייל-באנדאזש לויט זיין מעטאד, האב געליטען אויף ברוך 20 יאהר און א דאנק איהם בין איך היינט געזונט אזוי, אז כ'קען איהם יעדען אנציגען זיין עמפפעהלען.
Dr. BERGHOF Arzt.

טליתים-פאבריק
אויסארבייטונג פון וואלענע, האלב וואלענע, זיידענע טליתים כמו טערקישע, קאלאמייער, וויאויך טלית-קטנים, הורט און דעטייל מיט אויספערטיגונג, אויך גארטלען, שפאניעס און ציצית
צו בעקומען ביליגער ווי איבעראל, ביי
א. ח. ציטריגאווסקי, קאמיענגא 1
אין 2. טויער פארטער. קומט איבערציגט אייך!
בעמערקונג: סווערען אויך אנגענומען אלטע טליתם צום וואשען.

דיפלאמירטער
מאסאזשיסט
אברהם קאזשמינסקי
לימאנאווסקעגא 113, טעל. 188-30
מיט פיליעהריגער פראקטיק
אין קור-ערטער ווי אויך אין שפיטאל. - בעזייטיגט דורך הייל-מאסאזשען און עלעקטריזאציע פאראליזש, איסיאש, רעוומאטיזם, אטרעטיזם, ווי אויך נאכ'ן גיפסירען צו מעסיגע פרייזען.

גוטע האנד- שטיקערינס
ווערען געזוכט
6 טען שטרפיען 19, פראנט, 2 שטאק, וו. 15
צו מעלדען זיך זונטאג פון 10–11 פארמיטאג

פאבריק פון
אייוועז און קוכעז
קאפלאנע און שאמאט
פערש. מוסטערען און סארטען
פערקויף פון בוי-ארטיקלען
צעמענט, קאלך, גיפס, קרייד, שטשינא, פאפע, סמאלע, ווי אויך פערשידענע קאפלעס איני- און אויסלענדישע שאמאט-ציגעל צו אייווען פון פערשידענע גרויסען- עמפפעהלט פירמע
„Konkurencja"
מ. עלעכנאוויטש
ŻEROMSKIEGO 1a (Pańska.)

ווענעבעריש כירורגישע קליניק
„SANATO"
אגראדאווא 10 טעל. 213-57
1-טע און 2-טע קלאס
ערצטליכע אויפזיכט
איבער דער מוטער און קינד.
פרייזען פון געבורט
אין 2-טע קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס-מיטלען
200 זל.
כירורגישע אפטיילונג פון ד"ר מעד. מ. סאנטאר
עמפפאנגס שעה'ן פון 1 ביז 2 נאכמיטאג.

בעזארגט אייך אויפן ווינטער
מיט ערשטקלאסיגע
קויהלען
(פון 15 קערץ אן)
אויך א גוטע סארט קליין קויהלען
פאר ווערקשטעלען און בעקערס
צוגענגליכע פרייזען. — גוטע בעדינגונגען.
קלינגט זאפארט טעל. 129-98.

רעפארמאצקיע-פילען
מיט דער מארקע גייסטליכער בעקאנט פון יאהר 1602 רעגולירען דעם מאגען, שיצען פון רעומאטיזם, פאר לעבער-ליידען, נעגען דיקקייט, שטארקען רעטיום, דאס קומען בלוט אין קאפף, שטילען די יסורים פון הע-מאראידען, רייניגען דאס בלוט און בא נעגגען צו אבסטרוקציע — גינסטיג דורכ רעגולירונגס-מיטעל.
צוגעברויכען 1 אדער 2 פילען א טאג.
פרייז פון א שאכטעל 1.35
אויסארבייטונג פון דער אפטייק

Karczewski, Tuszyński, Warszawa, Trębacka 4
צו פערלאנגען אין די אפטייקען און סקלאדען מיט'ן „גייסטליכען" (Zakonnik).
964

Dr. W. ŁAGUNOWSKI
Specjalista chorób skórnych, wenerycznych i moczopłciowych
przeprowadził się na ul.
Piotrkowskiej 70
róg Traugutta).
Przyjmuje od 8^{30} do 10^{30} rano, od 1-ej do 2^{30} pp., od 6 do 8^{30} wiecz.
w niedziele i święta od 10 do 1-ej.

Dr.
J. PIK
ul. Żeromskiego 36
przy Zielonym Rynku
tel. 175-50
CHOR. NERWOWE
i WEWNĘTRZNE
spec. psycho-nerwice
Przyjmuje od 5½ — 7

DR. MED.
Z. Datyner
צוריקגעקעהרט
אוראלאג
ספעציאל-ארצט פאר בלאזען נירען און אורין-קראנקהייטען
Piramowicza 2
(Olginska) Telef. 148-93
נעמט אן פון 9—10 פארם
און פון 6 - 8 אווענד

Dr. med.
M. Lerner
ספעציאליסט
פאר קינדער-קראנקהייטען
זאכאדניא 64
טעל 113-09
נעהמט אן פון 3–5 נאכמ.

Dr. med.
A. Landkof
פאלורניאווא 15
טעל. 138-34
אינערליכע און קינדער קראנקהייטען
צוריקגעקערט
נעמט אן פון 2-3 און 7-8 אוו.

DR. ADAM
GROSGLIK
Al. Kościuszki 27
tel. 151 78
צוריקגעקעהרט
הויט און וועגערישע קראנקה. רענטגען און ליכטהיילאינסט.
נעמט אן פון 4—7 אווענד.

Dr.
HELLER
ספעציאליסט פאר הויט- וועגערישע קראנקהייטען און מענער-שוועכע.
נאווראט 2 טעל. 79-89
נעמט אן ביז 10 פריה און פון 4—8 אווענד. פאר פרויען ספעציעל פון 4—5 נאכמיט. פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזען.

Dr. N. HALTRECHT
הויט און געשלעכטס-קראנקהייטען
פיעטרקאווער 10
פון 8 ביז 3 נאכמ. און פון 8 ביז 9 אווענד
זונטאג פון 9 ביז 1.
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזען.

Dr. med.
W. Eychner
גינעקאלאג אקושער
זגערזשער 11
טעלעפאן 134-72
נעמט אן פון 2–3 נאכמ.
און פון 7½–9 אווענד.

שייטלען
צו מעסיגע פרייזען
צו בעקומען ביי
פארושוצקא קאמיענא 5

Dr. med.
B. Robinson
פיעטרקאווער 10, טעל. 131-86
צוריקגעקעהרט

DOKTOR
H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאנא 25, טעל. 126-87
צוריקגעקעהרט
ספעציאל-ארצט פאר הויט- און וועגערישע קראנקהייטען, מענער-שוועכע, אלע ארט אנאליזען, עלעקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען
נעמט אן פון 8 – 2 נארמ. און פון 6 – 9 אווענד

Dr. Z. Rakowski
ספ. פאר אוירען-, נאז-, האלז- און לונגען-קראנקה.
קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 127-81.
שפרעכשטונדען פון 12–2 און פון 5–7. נעמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 10–11 און פון 2–5

DR. MED. H. LUBICZ
ספ. פאר הויט, וועגערישע און געשלעכטס-קראנק.
נעהמט ווידער אן
אויף צעגעלניאנא 43, טעל. 141-32
עמפפאנגס-שעה'ן 8–10, 12–2, און 5–8 זונטאג און יו"ט 9–1. פאר דאמען בעזונדער ווארטע-זאל.

Dr. med.
I. Wajnberg
Cegielniana 47, tel. 26-02
אינערליכע קראנקהייטען
ספעציעל פאר לונגען- און הארץ-קראנקהייטען בעשטראהלונגען און קינסטליכע בערג-זון
נעהמט אן אין דערהיים פון 3–5.

Dr. med.
M. Kerszner
קינדער-קראנקהייטען
זשעלאזנא 16 טעל. 151-96
שפרעכשטונדען פון 1–3 און פון 5—6
אין דער לעטשניצע בושעזשינער 11 פון 11–1 נאכמ.

Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער-שוועכע
אנדזשעיא 5, טעל. 159-40
נעמט אן פון 8–11 און פון 5–9 אוו.
זונטאג און יום-טוב פון 9–1 פארמ.
בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פ ויען.

Dr. med. J. BETTE
ספעצ.-ארצט פאר קינדער און אינערליכע קראנקהייטען
PIOTRKOWSKA 6, tel. 144-95
נעמט אן פון 8 – 11 פריה און פון 4 – 6 נאכמ.

Dr. med. Ignacy MARGOLIS
okulista operator
האט זיך איבערגעצויגען אויף
אל. קאשטשושקי 9, טעל: 165-17
נעמט אן פון 1–2 און פון 5–7 אווענד

Dr. med.
H. Gutstadt
ספעציאל-ארצט
פאר אקושער און פרויען-קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
זאכאדניא 62 (צעגעלניאנא 23) טעל. 129-52
נעהמט אן פון 5—7 אווענד.

Dr. med. J. Lubicz
ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 18-31
קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער אייגענע פראצאוניע פון ועסטליכע ארטאפעדישע אפאראטען, ווי: קלאדקעס אויף פלאטפוסען, קינסטליכע רעמעטען א. א. ו. נעמט אן פון 2,30 ביז 4,30 נאכם.

Lekarz Dentysta
H. Żółtkowska
האט בענייט די אויפנאהמען
נאווא - צעגעלניאנא 29.

LUNA

גרויסער פילם-מייסטערווערק

צוליב דער אויסערגעוויינלעכער פּרעקווענץ פאַרלענגערט אויף נאָך עטליכע טעג

גיגאַנטישער אויפטו רעאַליזאַציע פון גענייאַלן רעזשיסער Strzyżewski

„טראָיקע" (TRÓJKA)

דראַמע פון אַ'איינזאַמער מענשליכער נשמה, פאַרוויגט מיט ליבע און ליידנשאַפטן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין די ווייטע רוסישע סטעפּעס. — די הויפטראָלן קרעאירן:

OLGA CZECHOWA i H. A. SCHLETTOW

מוזיקאַלישע אילוסטראַציע אויסגעפיהרט פון סימפאָנישען אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' לעאָן קאַנטאָר. געזאַנג-אילוסטראַציע אויסגעפיהרט פון אַ רוסישען כאָר אונטער דער לייטונג פון דיר. Teodor Ryder

אָנהייב פון די סעאַנסען 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג. שבת און זונטאָג 12 אַ זייגער בייטאָג. פרייזען פון די פּלעצער אויף די ערשטע סעאַנסען פון 1 זל. שבת און זונטאָג 12 אַ זייגער בייטאָג צו 75 גר. און 1 זל.

קלאַנג-פילם-טעאַטער Grand=Kino

אָנהייב פון די סעאַנסען 4 אַ זייגער נאָכמיט. לעצטער סעאַנס 10.15, שבת און זונטאָג און יום-טוב 12 אַ זייגער בייטאָג. לעצטער סעאַנס 10.15 אָוונט.

היינט גרויסע פּרעמיערע! צו דער עפענונג פון ווינטער-סעזאָן, אימפּאָנירענדע קרעאַציע פון קעניג פון ליד און קלאַנג, דעם פּאָפּולערסטען ערדקוגעל אַרטיסט אויפ'ן

MAURICE CHEVALIER אין בילד „ליבע-פּאַראַדע"

רעזשי: ERNEST LUBICZ פילם פול מיט עמאָציעס, ענטציקט מיליאָנען צושויער אין אַלע גרעסטע הויפּטשטעדט. רעזשי: ERNST LUBICZ

זעמטליכע אומזיסטע בילעטן און פּאַספּאַרטוס זענען אין משך פון דער גאַנצער צייט פון דעמאָנסטרירען דאָס אויביגע בילד נישט גילטיג, צוליב די גאַנץ אַזמטליכע פאַרגרעסערונגען דורכ'ן פאַראיין פון די קינאָ-טעאַטערס. כדי אויסצומיידען פון געדרענג, ווערט געבעטען צו קומען אויף די פריהערדיגע סעאַנסען

מיניאַטור-טעאַטער „KAMELEON"

40 SIENKIEWICZA 40

אונטער דער לייטונג פון ליטעראַרישען קינסטלער JAN ZANDMER.

טעגליך 2 פאָרשטעלונגען 7.45 און 9.45
שבת, זונטאָג און יו"ט 3 פאָרשט. 5.45, 7.45, 9.45

היינט און פאָלגענדע טעג! גרויסע פּרעכטיגע רעווי א. נ.

„לאַפּעך וויל אַזוי" אין 2 טיילן 16 בילדער

פון בום, העמאַר, וויץ א.א. — עס נעהמען אָנטייל: Lopek-Boruński, J. Leonowicz, E. Waczyńska, B. Orliński, J. Chojnacka, Z. Suwalski, W. Modrzeński דאָס באַלעט-פּאָר Dubrowska — Tawrydzki ווי אויך 6 רעווי-גירלס.

אין פּראָגראַם: סקעטשען, אינסצעניזאַציעס, סאָלאָ-נומערן, טאַנצן א. א. — רעזשי: B. Orliński קאָנפערענסיערן: E. Waczyńska און Wł. Boruński — דעקאָראַציעס געמאָהלען פון קונסט-מאָלער Wł. Nowakowski — מוזיק. לייטונג C. Kantor

---

APOLLO

סימפאָנ. אָרקעסטער אונטער לייטונג פון א. בייגעלמאַן
אָנהויב פון די סעאַנסען טעגליך 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג.
שבת און זונטאָג 12 אַ זייגער מיטאָג.

היינט און פאָלגענדע טעג! היינט און פאָלגענדע טעג!

גרויסער — פּרעכטיגער פילם א. נ.

„פיר פעדערן"

דראַמע פון קאַמף, עהרע, ליבע און לעבן אין די הויפּטראָלן:

Fay Wray, Clive Brook, RICHARD ARLEN, William Powell, Noah Beery

נעקסטער דאָפּעלטער פּראָגראַם: I) „מאַן זינדיגט נישט". II) „פאַרלוירענע לעבען".

רעווי-טעאַטער „Dobry Wieczór"

אין דער געבייִדע פון קינאָ-טעאַטער „BAJKA"

פּראַנציסקאַנער 31a, רוג בושטשינער
(צופאָהר מיט טראַמווייען 1, 6 און 14.)

היינט און פאָלגענדע טעג! היינט און פאָלגענדע טעג!

„מיר טרעפען זיך אויף דער קאַפּעריקאַ"

גרויסע פּרעהליכע רעווי פון געזאַנג און טאַנץ אין 2 טיילן 16 בילדער. אין פּראָגראַם: סקעטשען, אינסצעניזאַציעס סאָלאָ-נומערן, באַלעט, כאָרען א.ז.וו. אייגענע דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, ליכט-עפעקטען. אָנטייל פון גאַנץ אויסגעצייכנטע אַרטיסטען מיט די ה"ה Laskowski, Janecki אין דער שפּיץ אַלעקסאַנדער קאָז אַלס קאָנפערענסיער. פרייזען פון 75 גר. ביז 3 זל.

טעגליך 2 פאָרשטעלונגען: 7.15 און 9.15 אָוונט. שבת, זונטאָג און יום-טוב 5.15, 7.15 און 9.15 אָוונט.

פאָרפאַרקויף פון בילעטן אין דער ביוראָ „Reklama Polska" פּיעטריקאָווער 101 טעל. 126-89 טעגליך פון 11 פריה ביז 4 נ"מ.

קינאָ-טעאַטער PRZEDWIOŚNIE

זשעראָמסקיעגאָ 74/76.
(רוג קאָפּערניקאַ)

אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' טשודנאָווסקי.

היינט און פאָלגענדע טעג! 20 אַקטען צוזאַמען גרויסער דאָפּעלטער פּראָגראַם! 20 אַקטען צוזאַמען

1) ערשט בילד. גרויסע עראָט. לעבענס-דראַמע א. נ.

„קאַמף ווענען ראָזע מאַריע"

אין דער הויפּטראָלע JEAN CRAWFORD אין די הויפּטראָלע

2) „דער פרויען-צערטלער" מיט Lew cody און Aileen Pringle אין זייערע בעסטע קרעאַציעס. נעקסטער פּראָגר.: לעניאָן פון פאַרשטויסענע

אָנהויב 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג. זונטאָג און יום-טוב 2 אַ זייגער בייטאָג. הנחה-בילעטן שבת און זונטאָג אונגילטיג.

קינאָ „ERA"

זאַווישאַ 22 (בעלוט) פרי-העריגער „פלאַרא"

פערשטאַרקטער סימפאָנישער אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' פיינער.

אָנהייב פון כאָר און מוזיק טעגליך 6 אָוונט.
שבת און יום טוב 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג.

אויפ'ן פערלאַנג פון פובליקום! ■ גרויסער פּראָגראַם! ■ היינט און פאָלגענדע טעג!

„דעם רבי'נס טאָכטער"

די שענסטע עפּאָפּיי פון מענשליכע ליידענשאַפטען. אין די הויפּטראָלען: Iwan Mozżuchin דער אונפערגעסליכער העלד פון „צאַרישען קוריער" און Mary Philbin

גרויסער כאָר וואָרען א צו דעם דאָזיגען בילד איז ספּעציעל אַנגאַזשירט געוואָרען פון 10 פּערזאָן, וועלכע וועלן אויספיהרען רוסישע און יודישע געזאַנגען און ראָמאַנסען. —

קינאָ-טעאַטער ZACHĘTA

26 זגערזשער 26
(ביים פּלאַץ קאָשטשעלני)

פאַרשטאַרקטער סימפאָנישער אָרקעסטער

היינט און פאָלגענדע טעג! גרויסער סענסאַציאָנעלער פילם! היינט און פאָלגענדע טעג!

„גראַף קאַגליאָסטראָ"

אין די הויפּטראָלען: RENEE HERIBEL i K. SAMBORSKI

אָנהויב אין געוועהנליכע טעג 4 נאָכמיטאָג – שבת און זונטאָג 12 אַ זייגער בייטאָג. –

נעקסטער פּראָגראַם: „קולט פון קערפּער" נעקסטער פּראָגראַם:

עלטערן!

אין מיין נאָכמיטאָג חדר-שולע קענען אַנגעשריבען קינדער וואָס לערנען אין פּאָוושעכנע שולע צו לערנען: עברי, חומש, רש"י, תנ"ך, משניות, גמרא היסטאָריע, רעדען און שרייבען העברעאיש און יודישע בריוו זעלבסט צוזאַמענשטעלען. ס'ווערן אויך אנגענומען אנפענגער וואָס ס'ווערט אין פערלויף פון 5 חדשים אויסגעלערנט גרינדליך דאַווענען, אַ שרעבער רעליגיעזע ערציהונג! צוגענגליכע פרייזען.

איינשרייבען טעגליך 2 ביז 8 נאָכמ.

יחיאל דוד ראָזענפעלד

פּלאַץ וואָלנאָשטשי (נעבען שטאַט 5 ...)

SKŁAD MATER. APTECZNYCH

„PERFUMERJA"

Gustaw Rosentreter

11 Listopada 54, tel. 165-54

róg Żeromskiego

עמפּפעהלט צו נידריגע פרייזען אַפּטייק-מאַטעריאַלען: הייל-קרייטעכצער, פאַרבען, זוימען, הייוועז אויס-צוג... היימישע ווייַן, הייל-וויין, אינלענדישע און אויסלענדישע מינעראַל-וואַסערן, פודערן, פּאַרפומען און קעלנישע וואַסערן. זייף, מיטלען צו פאַר-ניכטען אַלערליי ווערים Flit Fly tox א.ז.וו.

אַכטונג: פאַר די ה"ה פריזיערס קעלנישע וואַסער; און וואַשעפּאַל, לאַקיר, ראַזיר-פּראַשקע ברילאַנטין א.ז.וו.

אַלטע קאַטיק און פּלוש מענטלען

ווערען איבערגעפאַרבט און אין פאַרשידענע מוסטערן געדרוקט (אימיטאַציע פון פעלצען) דעקאַ-טיזירען-פּליסירען און קאַרבירען.

פּיעטרקאָווער 60, לינקע אָפ. לעצט געוועלב

Znaleziona została Książka Ubezpieczeniowa

za Nr. 72107 na imię Kirsztajnówny Henryki wydana przez Zakład Ubezp. Pracown. Umysł. w Poznaniu. Do odebrania w adm. niniejszego pisma.

KEFIR leczniczy

przygotowany na oryg. grzybkach Kaukaskich

poleca:

Apteka St. Hamburga i S-ki

Główna 50, tel. 218-61.

אַנאָנסען-פרייז: פאַר'ן טעקסט-18 גר. פרייטאָג און ערב יו"ט-24 גר. אין דער זייט 8 שפּאַלטען
אין טעקסט-40 " " " " " " -60 " 4 "
נאָכ'ן טעקסט-12 " " " " " " -18 " 8 "
פאַר אַ טעלעפאָן-שנורות ... אויסער דער שטאָט 50 פּראָצ. טייערער. אויסל. 100 פּראָצ. טייערער. מעלדונגען-10 גר. אַ וואָרט

אַבאָנעמענט-פרייז: אין לאָדז – 5 זל. אַ חודש מיט צושטעלען אַ היים; אויף דער פּראָווינץ 6 זל. אַ חודש; אין אויסלאַנד – 8 זל.
פאַר'ן אינהאַלט און טערמינען פון די אַנאָנסען איז דער פערלאַג נישט פאַראַנטוואָרטליך. די אַדמיניסטראַציע איז אָפן בייטאָג און ביינאַכט.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman

Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.